STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01790

ZIGZAGEN

D'Abrutsi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד׳אָברוצי

ד'אברוצי
זיגזאַגען

פערלאַג „עכאָ"
הויפּטפּערקויף מ. נ. מייזעל
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק

אייגענטליך איז איבריג צו דערצעהלען, וואָס האָט געגעבען מיר דעם סטימול איבערצודרוקען מיינע פעליע־טאָנען, וואָס האָבען זיך געדרוקט אין דער „פרייער אר־בייטער שטימע“. עס איז נאַטירליך, אַז דער וואָס שרייבט עפּעס אָן זאָל וועלען זעהן עס געדרוקט און נאָכאַמאָל געדרוקט און איבערגעדרוקט, און האָט ער די געלעגענהייט דערצו, מעג ער זיך ערלויבען דאָס פערגני־גען.

געגומען שרייבען די „זיגזאגען“ האָב איך צופעליג און אויפגעהערט צו שרייבען זיי צופעליג. עס איז ניט אנגענעהם צו דערמאָנען אזא געשיכטע, אָבער עס איז אָן אמת׳ע געשיכטע. מיין רעדאַקטאָר איז פון די ערשטע „זיגזאגען“ געוועזען שרעקליך בעגייסטערט, אָבער מיט יעדען מאָל איז אַלץ מעהר זיין ענטוזיאַזמוס אָבגעשוואַכט געוואָרען. ער האָט זיך אָנגעהויבען צו קרימען, גע־טענה׳ט, אַז איך ווידערהאָל־זיך, געגעבען מיר טעמען, וואָס האָבען מיך ניט אינטערעסירט און ס׳איז דערגאַנ־גען דערצו, אז א גאַנץ אונגעלונגענעם פעליעטאָן האָט ער זיך ערלויבט אין גאַנצען ניט צו דרוקען און ניט גע־בעטען פערזענליך ענטשולדיגונג און ניט געשריבען מיר, אז איך זאָל איהם ענטשולדיגען. דאָס האָט מיך שטאַרק דענערווירט. מיין רעדאַקטאָר איז געוואָרען מיר פון

מיר, און איך — פון זיין צייטשריפט און מיינע זיגזאַגען. אנדערע צייטונגס־לייט האָבען ניט געוואָלט מיך אנגאַזשירען און איך האָב דערין געזעהן אַ פינגערצייכען, אַז עס איז צייט מאַכען אַ סוף צו די „זיגזאַגען".

איבערדרוקענדיג זיי, בין איך אביסעל פערשעמט, וואָס איך געה זיך מאַכען בעריהמט מיט דרייצעהן־פיערצעהן פעליעטאָנען. נאָך אַלעמען שרייבט דאָך אָן מ. כּץ אָדער ליליפוט, למשל, אין איין וואָך מעהר, וויפיעל איך האָב געשריבען אין משך פון אַנדערטהאַלב יאָהר. צי איז ניט אַ חוצפה פון מיין זייט וועלען שלאָגען אונשטערבליכקייטס־קאַפּיטאַל פון אַזאַ קוואַנטיטאַטיוו־אָרעמער, הוילער, אונפּראָדוקטיווער ארבייט? איך ענטפער זיך אָבער, אַז קיין מענשען אין דער וועלט וועט ניט איינפאַלען — און וועניגער פון אַלעמען מ. כּץ'ען אָדער ליליפוט'ען אליין —, אַז עס האָט עפּעס אַ זין צוזאַמענצוקלייבען אַלעס אָדער דאָס מייסטע אָדער עפּעס פון דעם, וואָס אַ מ. כּץ אָדער ליליפוט האָט געשריבען. עס איז זיכער, אַז זייביידע זענען פלייסיגע מענשען, שרייבען לייכט, פליסענד, זענען שרייבער, אמת'ע, פּראָפעסיאָנעלע שרייבער. און דאָך איז גענוג נור זיך פאָרצושטעלען, אַז מען וועט דרוקען זייערע געזאַמעלטע אָדער געקליבענע ווערק, אַז יעדער איינער, סיי ער האָט אין זיך אַ פונק פון הומאָר, סיי ער האָט איהם נישט, זאָל זיך צולאַכען פון אַזאַ אונגעלומפּערטען געדאַנק. אָבער די „זיגזאַגען" און זייער אויטאָר האָבען אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס אַ כּץ אָדער ליליפוט אָדער די צעהנדליגע אַנדערע האָבען ניט.

אין אונזער אידישער זשורנאַליסטיק איז ד׳אַברוצי אַן אוניקום.

דער איינציגער.

די אויסנאַהמע, וואָס האָט גאָרניט צו טהון מיט דעם כלל.

אַן עקזאָטישע ערשיינונג, וואָס שטעהט אין קיין פערבינדונג ניט מיט זיין סביבה.

האָבענדיג ציטירט נור וואָס אַ פּאָר עהרליכע שרייבער, און זיך אָבגעשיידט פון זיי, האָב איך ניט געוואָלט זיי בעליידיגען אָדער אראָבברייסען זיי אָדער דערמאָנען זיי צום שלעכטען; איך האָב נור קאָנסטאַטירט, אַז האָס זענען אַנדערע, און ד׳אַברוצי איז אַן אַנדערער און די רעכט, וואָס ער האָט, האָבען זיי ניט. זיי זענען פלעבס און ער — געזעצגעבער, וואָס איז גרייט מוטיג צו געהן אין זיינע אייגענע וועגען.

קען עמיצער זיך פאָרשטעלען, אַז אַ אידישער שרייבער זאָל דורכלעזענדיג דאָס אַמאָל געשריבענע, פון צייט צו צייט פיהלען, ווי עפּעס גיט אַ ריס אין הארצען און אין האַלז שטיקט? אָבער איך האָב, איבערקוקענדיג די דעפעקטיווע שורות, ניט איינמאָל אַזוי געפיהלט...

פיעלעס אין די „זיגזאַגען“ איז שוין איצט פערעלטערט, אונפערשטענדליך, אָבגעקיהלט אפילו פאַר ד׳אַברוצי׳ן אליין, וועלכער ווייס גוט די אלע פעהלערען פון די „זיגזאַגען“ און זייער אויטאָר, און דאָך גלויבט ער, דער שטרענגער, דער שטרענגסטער פון זיינע קריטיקער, אַז דאָס, וואָס איז געוועזן עפּעס אַ געשעהניש פאַר איהם,

וועט ריהרען אויף אַנדערע, יענע, וואָס בעוועגען זיך צו־
זאַמען מיט איהם אין דערזעלבער שטיקענדיגער, סענטי־
מענטאַל־טרויעריגער, געקינצעלטער זעלען־אַטמאָספער.
אויף אַנדערע מענשען ספּעקולירט ער ניט. זאָלען זיי
זוכען בעסערע, געזונדערע בעקאַנטשאַפטען.

ד'אַבּרוּצי.

זיגזאַגען

I

אַ הקדמה פון אויבנעס, וואָס איז געגען יעדע הקדמות

הקדמות זענען זיכער אַן איבעריגע זאַך, ניט ווייניגער איבעריג פון קריטיקען און אַלץ, וואָס ערקלערט, דאָס הייסט, פערדאַרבט גאָט׳ס ווערק.

צו וואָס ערקלערען, טייטלען; איז דאָך אַלעס גוטע אין דער וועלט אַן עקספּראָמפּט, אַ שפּרונג, אַ מתנה פון זיין ליבען נאָמען.

עפּעס אונערוואַרטעטעס.

ניט־פערדינטעס.

האָבען מיר אָבער מורא פאַר׳ן אונערוואַרטעטען, ניט־דערקלערטען, זיך־ניט־ווידערהאַלענדען און בעהאַלטען זיך פון איהם אינ׳ם קאַלטען שאָטען פון געזעצען, אַנאַלאָגיען און סילאָגיזמען.

און ניט אומזיסט פיהרט זיך אין פיינער געזעלשאַפט, אַז אַ גאַסט קומט ניט אומגעריכט און מוז פאָרגעשטעלט ווערען פון אַלטע בעקאַנטע.

זאָגט ניט: נאַרישע קאָנווענציאָן. אין יעדער טויטער קאָנווענציאָן איז דאָ עפּעס אַ זין. איבעריגענס האָב איך אַ חשד, אַז אַלעס געזעלשאַפטליכע איז ניט מעהר ווי קאָנווענציאָן. מיר דוכט, אַז געזעלשאַפט איז ניט עפּעס אָרגאַנישעס; אויפ׳ן געזעלשאַפטליכען רוהט ניט די שכינה.

אַ נאַרישע אידעע, אַ גאַנץ אונבעגרינדעטע.

און נאָך פיהרט זיך, אַז אַ נייער גאַסט קומט אויף אַ ווייַלע, רעדט וועגען זיך גאַנץ ווייניג, קריטיקירט ניט בעקאַנטע אָדער דעם בעל־הבית, בענוגענט זיך גלאָט מיט אַ פּאָר גלייכגילטיגע בעמערקונגען און שטרענגט זיך אָן

ניט צו מאַכען דעם איינדרוק פון אַ שאַרפזיניגען, געראָטענעם, שטאַרק־בעלעזענעם יונגען מאַן.

האָם איז גוטער טאָן.

פון גוטען טאָן האַלט איך אַ וועלט — טעאָרעטיש. אָבער פיהרען פיהר איך זיך אַנדערש, גאָרניט לויט די פאָדערונגען פון׳ם פיינעם טאָן.

איך געה ווייטער און זאָג: ניט נור טאָר מען ניט שטרעבען צו מאַכען אַן איינדרוק פון אַ קלוגען, מען טאָר ניט ז י י ן קלוג.

ווי עס שטעהט געשריבען אין עוואַנגעליום: זייט אונשולדיג, ווי די קינדער.

אַזוי דאַרף זיין, אָבער אין אמת׳ן בין איך אַן אַנדערער. וויל זיין קלוג, בין צופרידען, וואָס אַנדערע האַלטען מיך פאַר אַ קלוגען, און קום איך אין אַ געזעלשאַפט, זיץ איך שפעטער פון אַלע, לויב זיך אָפענערהייט און בעהאַלטענערהייט, מאַך אַ תל פון מיר בעקאַנטע און גאַנץ אונבעקאַנטע מענשען און ווער נערוועז, ניט קענענדיג זיך דערוואַרטען, אַז דער בעל־הבית — און דער עיקר די בעל־הבית׳טע — זאָלען בעמערקען: ס׳אַרא שאַרפזיניגער מענש איהר זייט, מיין ליבער הערר...

איז שוין גאַנץ נאַטירליך, אַז שרייבענדיג אַן הקדמה צו די „זיגזאַגען״, פאָרשטעלענדיג ד׳אַברוצי׳ן, וועל איך רעדען פון קיין אַנדערען, ווי זיך אַליין — אַן עקסטראַוואַגאַנטען, ווידערשפרוכספולען מענשען, וואָס האַלט אַפילו פון גוי׳אישע אויטאָריטעטען ניט, לאַכט פון קיינעם ניט מיט אַזאַ פייער און אַפעטיט, ווי פון זיך אַליין און איז דאָך צופרידען מיט זיך, מיט׳ן אייגענעם שיקזאַל, דער אַלטער טאַנטע, דער הויך־אינדיווידועלער נאָז און דעם אידעאַלען פאַך. איז דאָך מיין טאַנטע אַן עלטערע פרוי אַ גוטע, אַ שטילע, אָהן אידעען און גאַל און גלויבט נאָך איצט, ווי מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק, אַז איך בין אַ געניאַלער מענש. און אַ נאָז האָב איך אַ גלאַטע, אַן אַנשטענדיגע, אַ גאַנץ אונסענסאַציאָנעלע. און מיין פאַך איז דער בעסטער אין דער וועלט.

א קלייניגקייט א פעליעטאָניסט!

ווי גוט איז צו זיין א פעליעטאָניסט און אונפער־שטענדליך איז, פארוואָס איילען זיך נישט די אָרימע, פער'דאגה'טע, פעראומגליקטע מענשענקינדער צו ווערען פעליעטאָניסטיש.

א פעליעטאָניסט האָט נור פריווילעגיען. ער איז א פריווילעגירטער. ער האָט רעכט, אַלע רעכט און קיינע פליכטען, מעגען און ניט־מוזען — ס'אַרא גליק! דער פעליעטאָניסט איז דער איינציגער גליקליכער אין דער וועלט פון פער'מרה־שחורה'טע מענשען, וואָס ווילען ניט און קענען ניט זיין גליקליך. טאָ ווי זאָל איך ניט זיין צופרידען מיט מיין פעליעטאָניסטען־גורל?

דער פעליעטאָניסט איז, ווי דער דיכטער, דער אמת־פרייער מענש אין א פערשקלאַפטער וועלט. ער איז ניט מחויב צו שרייבען א קאָרעקטען זאַץ, האָבען געזונדען מענשען־פערשטאַנד, געהן מיט'ן שטראָם, זיין ווי אַלע, מיט אַלע.

א פעליעטאָניסט מעג זיך פערגינען צו טהון א זאָג, אז דאָס בייזע, שלעכטע, אידען־פרעסערישע פוילען איז דאָך אַן אומגליקליך לאַנד און האָט כשר פערדינט איהר אונאבהענגיגקייט און דערביי נישט מורא האָבען, אז די פלינקע שרייב־יונגען פון „טאַגעבלאַט", „ווארהייט" און „טאָג" וועלען איהם ערקלערען פאַר א פערעטער, לומפ, טפש און באַיקאָטירען איהם, זיין ציימונג, די אַלטע טאַנ־טע זיינע, אויפ'ן עכט־פויליש־רוסישען שטייגער. א אי־דישער פעליעטאָניסט מעג אפילו אין אזעלכע שווערע צייטען, ווי די איצטיגע, ווינשען גוטס די שלעכטע, בייזע שכנים! איהם, און נור איהם, וועט מען אזא חוצפה מוחל זיין.

איך מעג שלאָפען רוהיג, לאָזענדיג י. מילך'ן שרייען: „וואָס טהוט מען מיט אידען?" און ענטפער איך איהם: „גאָרניט", וועט מילך, וואָס האָט א טבע ניט צו פער־שווייגען קיינמאָל קיינעם ניט, אנטשוויגען ווערען. א ברירה האָט ער. א פעליעטאָניסט מעג מבטל זיין אפילו י. מילך'ן אליין!

איך מעג פרעדיגען אפען אין דער „שטימע“, וואס ווערט רעדאקטירט פון אזא קלוגען אידען, ווי ש. יאנאווס־סקי, אז בעסער פון יעדער חכמה איז די געטליכע נאַרישקייט, זייענדיג זיכער, אז אויך די פרינציפיען־פעסטעסטע געגאסען און געגאסינען פון לאנד וועלען רוהיג פערבייסען מיט מיין אפיקורסות. א פעליעטאניסט מעג זיין אן אפיקורס.

איך מעג זיך ערקלערען סאלידאריש מיט'ן אלטען קראפאטקין, וואס פערטיידיגט אונזער אונגעלומפערט רוסלאנד און אהן שרעק זיך מודה זיין, אז מ. ל. האלפערין'ס לעצטע קאמפס־ליד איז מיר ניט צום הארצען. און ניט צום הארצען איז מיר יעדע קאמפס־רעטאריק דערפאר, וואס איך בין א רוהיגער מענש, אן אלטמאדישער, האב ניט ליב טראפישע וועגעטאציאן, אויסטערלישע אוואנטורען, קארלייל'ס קראמוועל'ן און באלמאנט'ס גלוטיגע אויפגעהענדע זונען. ליבער פון דער גלוטיגער, אין'ם מיט־הימעל שטעהענדיגער זון איז מיר די מעלאנכאלישע, סענטימענטאלע, קיהל־פערגעהענדע זון און נאך היימישער פיהל איך זיך אהן יעדער זון, זיצענדיג אוועקציים אין בראנקס אין א ווארימען צימער, טרינקענדיג שטארקען טעע מיט איינגעמאכטס, מיט'ן „טאג“ אין האנד, האלב־פערשלאפען זיך צוהערענדיג צו מיין מוטער'ס רייד וועגען די שלעכטע פוילישע גוים, שווערע צייטען און גרויסע הוצאות, וועלכע זי ענדיגט געוועהנליך אזוי: זאל גאט געבען עס זאל נעמען א סוף צו דער מלחמה און לעבענספראדוקטען זאלען ביליגער ווערען.

זאל גאט געבען!

אמן.

א פעליעטאניסט מעג זיין סענטימענטאל, רעאקציאנער און דערמאנען צום גוטען גאט'ס נאמען אין דער אטעאיסטישער „ארבייטער שטימע“ אליין.

בין איך שוין אלזא פארטיג מיט מיין הקדמה, וואס האט זיך אביסעל צוצויגען.

קיין אומגליק. אסור צי איך פּערשטעה, וואָס זענען די ספּאַרטאַנער געווען אזוי לאַקאָניש. עס שאַדט ניט צו זיין עפּיגראַמאַטיש, אָבער אַ מוז איז דאָס ניט.

איבריגענס האָב איך האָך שוין פריהער געזאָגט, אַז איך האָב ליב צו פּערזיצען זיך. האָב איך געוואָרענט אייך, טאָרט איהר ניט האָבען קיין טענות צו מיר.

א י ך האָב צו קיינעם קיין טענות נישט.

האָבען טענות איז ניט שעהן.

פּלעבעאיש.

שלעכטער סטיל.

און אַ מענש דאַרף ניט זיין פּלעבעאיש, אויסמיידען אַלעס, וואָס איז ניט שעהן; אין גוטען סטיל האָבען אמונה אויף יענע, וואָס האָבען שוין גאָר קיין אמונה אין האַרצען ניט.

II

װעגען אָסקאַר נאָרװעגער, פּסעװדאָנימען, מיטעלאַלטער, שלום-עליכם׳ן און עטליכע אַנדערע העכסט-װיכטיגע זאַכען, װאָס קײנער אין ניו-יאָרק אָדער פּראָװינץ איז ניט מחויב צו װיסען.

דעם פײנסטען סטיל פון אַלע „טאָג“-שרײבער האָט זיכער א. קאַרטאָזשינסקי. פּאַרדאָן: ר׳ אָשר קאַרטאָזשינסקי. ער געפעלט מיר מעהר פון די אַנדערע „טאָג“-שרײבער צוליב צעהנדליגער פערשידענע אורזאַכען, פון װעלכע עס איז גענוג צו דערמאָנען עטליכע — די װיכטיגסטע, פערשטעהט זיך. קאַרטאָזשינסקי שרײבט קורצע שורות, װי איך, איז עלעגאַנט און האָט געהאַט דעם גוטען געשמאַק צו לויבען מײן פעליעטאָן נאָך ניט געלעזענערהײט. דערצו שרײבט ער אַ גלאַטען, גוטען, פליסענדען אידיש. איך האָב אַ שװאַכקײט צו אַ גלאַטען, גוטען, פליסענדען אידיש. אַלײן שרײב איך אַ ניט-גלאַטען, אַ שװער-פליסענדען, אָבער אַ גוטען (אַ גוטען פאַר מיר) אידיש. גלאַטען, לײכטען אידיש מעגען זיך לערנען בײ „אָסקאַר דעם נאָרװעגער“, דיטאָ קאַרטאָזשינסקי, אונזערע אידישיסטען, דר. זשיטלאָװסקי׳ן אַרײנגערעכענט. דער געעהרטער דאָקטאָר, װאָס האָט פון לשון, זײן לשון, געמאַכט אַ רעליגיאָן (ער — דער אונרעליגיעזעסטער פון אַלע מענשענקינדער) — איהם װאָלט דאָס שטאַרק צונוץ געקומען.

אַ אידישען מענש, װאָס האָט אַזאַ פײנעם פּסעװדאָנים, קען מען פערצײהען פערשידענעס, װאָס מען װעט ניט פערצײהען אַן אַנדערען, אָבער ניט דאָס, ניט דאָס... איך פערשטעה, אַז צוליב לומפּיגע דאָלאַרס קען אַ מענש פערקויפען זײנע איבערצײגונגען, זײן חלק יענע-װעלט,

אפילו אַן אייגען ווייב ; דאָס טרעפט — און ניט זעלטען.
אָבער אַ שעהנעם, אונגעוועהנליכען פּסעוודאָנים ?
פּע !

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל געשריבען, און מיר אַלע אין די אינגערע יאָהרען האָבען מיט אמונה איהם נאָכגע־דעקלאַמירט : „מענש — ווי שטאָלץ !“. נאַרישקייטען, באַנאַלע רעטאָריק פון דעם בעריהמטען הירשביין־אַנדרע־יעוו־אָלגין שניט. איך זאָג : אָסקאַר נאָרוועגער — ווי שטאָלץ ! אָנו, פּרובט זאָגען אַנדערש.

ווי נור אָבער אונזער אָסקאַר האָט אַ שמעק געטהון אין „טאָג“, הייסט ער שוין מיט מזל א. קאַרטאָזשינסקי. ס'ארא לאַנגווייליגער, אונמוזיקאַלישער נאָמען. פאַר וואָס האָבען מענשען לאַנגווייליגע נעמען ? אפשר ווייסט איהר פאַר וואָס זענען מענשען לאַנגווייליג ? דאָס איז די גרעסטע זינד געגען דעם הייליגען גייסט.

טהוט דער פלינקער, דער אַלצופלינקער אידישער נאָרוועגער נאָך אַ פּאָר שמעק אין „טאָג“ אריין און דער־פיהלט זיך אַזוי פרעמד אין דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע גוטע אידען מיט וואוילקלינגענדע אידישע נעמען, דר. ח י י ם זשיטלאָווסקי, יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי (ווי אונאַנשטענדיג !), ע ו ז י א ל פליישמאַן, און אַנדערע, לויפט ער אוועק אהיים, פעסט ענטשלאָסען צו ווערען לייטען־גלייך.

איך נעם לעזען זיין „פּעטערבורג“ און ווער ער־שטוינט. אַ זעלטענער אַרטיקעל, קיין איין וואָהר וואָרט ניט, אָהן קוועלען, ביבליאָגראַפיע, דאַטען און געוועהנ־ליכער אָדער וויסענשאַפטליכער לאָגיק. אָבער פיין ! אַ דרעה אהין, אַ דרעה אהער — אי גוט ! אָבער זעה נור, וואָס דער מענש האָט מיט זיך געטהון : פון אַן איניציאַל ניט־צו־מערקען, אַ געקירצטען אַלף, אַ שטילען, בעשיי־דענעם אַלף איז געוואָרען אַ גאַנצער אָ ש ר.

ווי זיס, ווי אידישליך — ר' אָ ש ר !

אבי איך האָב אַלץ געצווייפעלט אין דער נאַציאָנאַ־ליזירענדער ווירקונג פון דר. חיים זשיטלאָווסקי'ס קאַזו־

איסטישער, פארבלאָזער לאָגיק און ניט געקענט זיך פאָרשטעלן, אז עמיצען אין דער וועלט קען ריהרען די כשר־אידישע געלעגנהייטס־דיכטונג פון אונזערע אונער־מידליכע „טאָג“־לאורעאטען, מ. באסין און מ. ל. האל־פערן. זיי האָבען אודאי אָנגעשראָקען, דעמאָראַליזירט אונזער אָסקאר'ן. אַ שאָד. אַ שאָד — דער אונגעוועהנ־ליכער פסעוודאָנים. ר' אָשר'ס, ר' משה'ס האָבען מיר גענוג, איבער גענוג. אָבער אן אָסקאר אַ נאַרוועגער? ווי קעניגליך, ווי וויקינגען־אַרטיג דאָס קלינגט!

איך גלויב ניט, אז אונזערע שרייבער זענען קלענערע טאַלענטען פון די גוי'אישע. דאָס איז אַ נאַאיווער פאָר־אורטייל טאקי פון אונזערע שרייבער אליין, וואָס האָבען דרך־ארץ פאר פרעמדע, אנדערע, און ניט קיין אכטונג אָדער ליבע צום אייגענעם, היימישען. אָבער געוויסע, בעשטימטע טאַלענטען האָבען זיי, די אומות העולם, און ניט מיר.

זיי האָבען סטיל.

איינפאכקייט.

צו אַלע אָדער אייניגע פון די פינף זינען, מיט וועל־כע עס לאָזט זיך בענעמען די גרויסע, ווארימע, פער־שכור'ענדע קאָנקרעטע וועלט (די וועלט פון קאָנקרעטען, די וועלט, די אַ מ ת ' ע וועלט).

אַ טאַלענט, אַ מזל צו פסעוודאָנימען.

נו, ווי קען אונזער איינעם איינפאַלען עפּעס אַ רעכ־טער פסעוודאָנים, אז מיר האלטען גאָרניט פון דער גאַנצער געשיכטע? מיר אַלע, אפילו די אַלטמאָדישע לעזער פונ'ם קאָנסערוואטיווען „מאָרגען־זשורנאל“ זענען גענוג ראדיקאַל צו פערשטעהן, אז אַ נאָמען, אפילו אַן אייגענער, איז ניט ווערט קיין שמעק טאַבאק. הייגט גאָר אַ פסעוודאָנים! האָט דאָך שוין לעסינג געזאָגט: „אַ נאָמען, וואָס האָט אַ נאָמען פאר אַ ווערט“. און שעקספיר אויך.

גאָטהאָלד אפרים לעסינג וויים, וואָס ער רעדט. אן אויטאָריטעט ניט קיין קלענערער פון הערבערט ספענסער,

קאַרל מאַרקס, דר. שלמה רובין און טשאַרלז דאַרווין, וועלכער האָט, כּידוע, געטראָפן, נאָך ווי געטראָפן, אויב מען זאָל גלייבן דעם אין וויסענשאַפט, אידען־אַסימילאַציאָן און פּרייען־געדאַנק פּערליבטען ב. פייגענבוים.

לעסינג, דער גרויסער דיכטער, קריטיקער און רעליגיאָנס־פילאָסאָף, פון אַ פּיליפּ קראַנץ, ב. פייגענבוים, ש. יאַנאָווסקי, און נאָך צעהנדליגער בטלנים פון׳ם אַלטען אַסימילאַטאָרישען און איגנערען נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווען דור — עפּעס אַ קלייניגקייט לעסינג, אַ מענש, וואָס האָט אַ גאַנצען לעבען געקעמפּט מיט אַבערגלויבען און פאַנאַטיזם, און ניט אינ׳ם פערדאַרבענעם, עקעלהאַפטען אידיש־טייטש, נור טאַקי אין אַ ריינעם, ליטעראַרישען דייטש. אַ גרויסער מענש, לעסינג.

ניין, זאָגט זיך וואָס איהר ווילט, אַבער פון נעמען, פאָרם, עסטעטיק האַלטען מיר ניט. אַ ניט־אידישע זאַך. עפּעס אין טיפסטען זין אונאידישעס.

און דערביי האָט מען אינ׳ם שם המפורש, אין שמות געקענט גלויבען נור אין׳ם נאַרישען, פינסטערען מיטעלאַלטער. מיר זענען היינטיגע, מאָדערנע. לאַכען זיך אויס פון די נאַרישקייטען און פינסטערע אַבערגלויבענס פונ׳ם פינסטערען מיטעלאַלטער. מיר הויבען ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס עפּעס האָבען אַמאָל די נאָמינאַליסטען און רעאַליסטען איינגעלעגט וועלטען, אַמפּערענדיג זיך וועגען דעם תוך פון נעמען.

אַ זייטיגע פראַגע: אויף וועמענס זייט וואָלטען אין דעם דאָזיגען היציגען קאַמף געווען אונזערע נעאָ־ראָמאַנטיקער מיט מאַני לייב׳ן אָן דער שפּיץ? אויף דער זייט פון די נאָמינאַליסטען זיכער ניט. פון פאָרם און עסטעטיק האָבען זיי שוין פערזוכט דעם טעם, די נעאָ־ראָמאַנטיקער אונזערע, און זיי וועט ניט אָבשרעקען אפילו דעם בייזען דר. מלמד׳ס גזרה, אַז פאָרם איז אַ טריפה העלעניסטישע המצאה. אָבער צו אַ פּסעוודאָנים אַ פיינעם

זענען אפילו זיי, אונזערע נעאָ־ראָמאַנטיקער, ניט דער־גאַנגען.

נעמט רוסישע פּסעוודאָנימען: אַנדרעי בעלי, קאָרנעי טשוקאָווסקי. ווי פאַנטאַסטיש און דאָך ערדיש־איינפאַך זיי זענען. פון די פאַנטאַסטשיע נעמען ווערט עפּעס ליכטיג און פרעהליך אויפ׳ן האַרצען.

און אונזערע? — ר׳ קרוב, ר׳ מרדכי׳לע, בן־אדיר, חכם־עתיק, יכנה׳ז, צביון, מנחם, ר׳ אברהם׳על, בעל־מחשבות, באַנקיר פאַן יאָסעלדאָרף. ווי שווער ווערט פון׳ם געדאַנקען און געפיהלס־רייכטום, וואָס איז פער־באָרגען אין די דאָזיגע בטלניש־קלוגע, פרעהליך־וויציגע, דעמאָקראַטיש־גוטברודערישע סימבאָלען פון סטיל־ און זין־לאָזען אידישען לעבען. טו וואָס איז דער וואונדער, וואָס פון׳ן פאָלקסטריבון א. קאַהאַן איז געוואָרען אַ פּראָ־לאַטערישקער, פון מאָרים ווינטשעווסקי — אַ זיידע און פון דעם בעליבטעסטען פאָלקסדיכטער — אַ שלום־עליכם.

אינטערעסאַנט איז, אַז רעדענדיג וועגען דער בעגעגע־ניש פונ׳ם קינדישען מאַרק־טוויין מיט׳ן קלוגען שלום־עליכם, האָבען אונזערע חקרנים געוואָלט אַלץ דערגעהן, ווער איז אַ גרעסערער הומאָריסט. איך האָב ליב מאַרק טוויינ׳ען, און שלום־עליכם׳ן האָב איך כמעט ניט געלע־זען. דאָך וועט איהר ביי מיר פועל׳ן, אַז אונזערער האָט מעהר טאַלענט. אָבער, וואָס איז טאַלענט?

טאַלענט איז גאָרנישט.

זאָגט מיר: ווער האָט אַ שענערען פּסעוודאָנים, זייערער צי אונזערער?

און דאָס האַרץ טהוט וועה, וואָס פון אַ ס ק אַ ר נאַרוועגער איז געוואָרען ר׳ אַ ש ר קאַרטאָזשינסקי.

III

אַ העכסט אינטערעסאַנטע פּאָלעמיק מיט'ן גרעסטען פילאָסאָף פון דייטשלאַנד. פילאָסאָף און נביא. סיסטעמען און אירים. מאַרבורגער פילאָסאָפיע, קעז און דער קאָצקער. איך און אַלע מענשען. מיינע בעציהונגען צו דייטשלאַנד, פּראָטעסטאַנטיזם און מענדעלסאָן'ען. מיין פאָטערלאַנד.

אַ וואונדערבאַרער מענש איז צביון! יאָהרען און יאָהרען זאָגט ער דעות און האָט מיינונגען וועגען אַלעם מעגליכען אין דער וועלט — ער וויים אַלץ — און קיינמאָל האָט נאָך ניט געטראָפען, אַז ער זאָל אַריינפאַלען, ער זאָל זאָגען עפּעס אַ קרומע זאַך, וואָס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל. צביון איז שטענדיג גערעכט. דער אומגליקליכער צביון! קיינמאָל ניט זיין אומגערעכט איז אַן אומגליק. מענשליך איז זיין אַמאָל נאַריש, אויסגליטשען זיך, פערמעסטען זיך ברייטער פון די כחות, וועלען זיין געניאַל, האָבען דאָס געפיהל אַז דו קענסט באַלד איבערקערען די וועלט־אָרדנונג. קיינמאָל האָט צביון נאָך גאָרנישט איבערגעקערט, ניט איבערגעדרעהט. ער איז דער פּאַריסעאישער גערעכטער, דער צדיק בדורו. אָבער אַזאַ שיקזאַל האָט שוין די זעלבסט־צופרידענע, רויטבאַקיגע, אין־זיך־פערליבטע מיטעלמעסיגקייט, וואָס קוקט אויף דער גרויסער וועלט מיט די קליינינקע אויגעלעך פונ'ם געזונדען מענשען־פערשטאַנד, דעם נאַרישסטען פון אַלע פערשטאַנדען.

איז אויך איצט איז צביון גערעכט, זאָגענדיג, אַז קיינער איז ניט און קען ניט זיין נייטראַל אין דער יעצטיגער וועלט־מלחמה. יעדער האָט זיך זיין צד, יעדער איז פּאַרטייאיש. גערעכט; איך בין ניט נייטראַל.

הערמאַן קאָהען — זיכער נים.

שטילער! אַ פילאָסאָף געהט. דער גרעסטער, פער־שטעהט זיך, דער שארפזיניגסטער, דער בכבוד'יגסטער פון אלע פילאָסאָפען פון אונזער צייט. האָט שוין די „ווארהייט" אָנגעטהון אַ פילאָסאָף דעם כבוד און ציטירט זיינע מיינונגען, מוז זי איינרעדען זיך און דעם לעזענדען פובליקום, אז זי האָט געכאַפּט אַ מציאה, און די גרעסטע אין דער וועלט. דערצעהלט זי אונז הרים וגבעות וועגען איהר פילאָסאָף. ער איז:

אַ פילאָסאָף.

אַ קענער פון — תלמוד און העברעאיש.

פראָפעסאָר.

געהיימער רעגירונגסראַט.

איז אָנגעקלאָגט שטארק ביי ווילהעלמען אליין. און— ביי די סאָציאַליסטען, וואָס טהוען ממש קיין טראָט נים אָהן זיין נעאָ־קאַנטיאַנער סיסטעם.

היינט, דאָס נעאָ־קאַנטיאַנער סיסטעם! עס רעדט זיך נור אַ סיסטעם. און אין אמת'ען האָט אזוינס די וועלט נאָך נים געזעהן: געבויט איז דאָס אויף מאטעמאטיק (איהר פערשטעהט, אויף ריינער, נים פאלסיפיצירטער מאטעמאטיק), פעראייניגט די אידישע נבואה מיט קאַנט'ס חכמה און איז בעקאַנט אין דער וועלט אלס מארבורגער שולע.

איהר האָט געהערט?—אַ שולע! די מארבורגער שו־לע! איך האָב געהערט, און מיך האָט עס נים צונומען. אמת איז, אז דר. סירקין, וועלכען איך האָב ליב, האלט אַ וועלט פון דער דאָזיגער מארבורגער שולע און דעם פילאָ־סאָף הערמאַן קאָהען און איך וואָלט גרייליך געוואָלט צוליב טהון אַ מענשען, וועלכען איך האָב ליב. אָבער איך קען נים. אַ צו גרוים אָפּפער. צו־גרויסע אָפּפער דאַרף מען נים ברענגען אפילו צוליב דעם בעסטען פריינד. און דעריבער טאַקי פרעג איך: מארבורגער — גוט, איז וואָס די גדולה? נו, האָט דער מארבורגער אַ גרויסען נאָמען אין דער וועלט. וואָס בעווייזט דאָס? לימבור־

גער קעז האָט אַ גרעסערען נאָמען אין דער אייראָפּעאישער וועלט, ווי די מארבורגער פילאָסאָפיע. עס איך לימבור־גער? ניין. ס׳האָט אַ שלעכטען גערוך. זאָל באַדלער און מיין דעקאַנדענטישער בלאָנדער פריינד זיך מיהען זיין עקזאָטיש, איך וויל ניט צוליב עקזאָטיק פערדערבען מיר מיין מאָלצייט. איך בין ניט ספּאַרטאניש, ווי איך האָב שוין בעמערקט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק; אָבער איך האָב ליב דאָס איינפאַכע, דאָס היימישע. איך עס היימישע מאכלים, יענע, וואָס מיין מוטער קאָכט. אַי, גוטע!

וואָס איז מיר דער מארבורגער? איך האָב אַ בעסע־רען, אַ טיפערען, אַ גרעסערען רבי: איך בין אַ קאָצקער. און האָב איך קיינמאָל ניט געהערט קיין איין וואָרט פון זיין היילינגען מויל, ווייס איך דאָך, אַז דעם קאָצקער׳ס וואָרט איז טיפער און מענשליכער און בעסער פאַר דער נשמה, ווי די אַלע מארבורגער פילאָסאָפישע מאָראַלי־טעטען און אבסטראַקציאָנען.

דעם „וואַרהייט״־פלעבוס פעלט גאָר ניט איין, אַז פאַר אונז איז דאָס גאָר קיין כבוד ניט, וואָס דער מארבורגער פאַרט צונויף אונזערע נביאים מיט זייער קאַנט׳ן. ניט כבוד, נור חלול השם. קאַנט איז אַ גרויסער פילאָסאָף, דער גרעסטער; גוט. אָבער וואָס איז דער גרעסטער פילאָסאָף אנטקעגען אַ נביא, דעם אמת׳ען רעכטען נביא? אַ נביא איז אָדער אַ פראַזע (וואָס פערנעמט אַ בכבוד׳יגען אָרט אין דער גאַלערעע פון די פאַפּירענע מיטאָלאָגישע געשטאַלטען, מיט וועלכע דער בכבוד׳יגער דר. חיים זשיט־לאָווסקי האָט בעצירט זיין פריוואַט קאַבינעט), אָדער ער איז אַ געטליכער מענש. אַ געטליכער מענש ווייס עפּעס תוכ׳יגס, ער איז אַ תוך, אַ צענטער, וואָס פערבינדט איך מיט רעאַליטעט. און וויפיעל נארישע, אונפערשעמ־טע פריידענקער־חוצפה ליגט אין דעם פערלאַנג צו פער־בינדען איהם מיט ערדישער חכמה און דייטשער וויסענ־שאַפט. קאַנט און נביא — דאָס גראַמט זיך ניט! דער נביא דאַרף ניט די הסכמה פונ׳ם פילאָסאָף, ווייל נאַריש

איז יעדע פילאָסאָפיע, און דער נביא איז דאָס געזעץ און די וואָרהייט. סיסטעמען, אַ נייע סיסטעם — וואָס איז דער אונטערשיד צווישען אַלטע און שפּאָגעל־נייע סיסטעמען; טויט־געבאָרענע זענען זיי אַלע, עפּעס אָהן גערוך און אינדיווידואַליטעט, ניט קלאַנג און ניט אָבקלאַנג אפילו, נור אַ טויטער אָבדרוק פון'ם געהיימניספול־קאָנקרעטען אין אַ זעלענלאָזען אינטעלעקט. זיסער פון די בעסטע סיסטעמען זענען זשאָרזש באָרמאַן'ס בעשיידענע שאָקאָלאַדען און יענע דופּטיגע צוויי־קאָפּעקיגע איריסען, וואָס האָבען געפּרעהט מיין קינדעריש האַרץ אַמאָל אין די גאָר־יונגע יאָהרען און וועקען נאָך איצט די צערטליכסטע ערינערונגען און אַסאָציאַציאָנען.

דער רעפאָרמירטער יאהודי פון מארבורג...

ענטשולדיגט, איך וועל שוין אויפגערעגט, פערזענליך, פּאָלעמיש. דאָס איז ניט שעהן. איז דאָך דער דייטשער פילאָסאָף אַ זעהר אַלטער מענש. אַן אַלטער מענש האָט אַזעלכע רעכט, פּריווילעגיען, וואָס די גליקליכערע — די יונגערע — האָבען ניט. דאָס וואָס הערמאַן קאָהען איז אַ בעדייטענדער פּילאָסאָף, אַ תלמוד־קענער, סיסטעמענשאַפער, געהיימראַט — איז נאַרישקייטען. אָבער דאָס, וואָס ער איז שוין אַ צוויי־און־זיבעציגער ריהרט מיך שטאַרק. זיין אַלט צוויי־און־זיבעציג יאָהר איז אַ כבוד, אַ גרויסער כבוד פאַר אַ מענשען. קיינער וויל ניט ווערען אַלט, אויסער די גאָר יונגע מענשען, וואָס זענען ניט אין געפאַהר צו עלטערען זיך אין דער נאָהענטסטער צוקונפט.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך פיהל זיך עפּעס שולדיג אַנטקעגען יעדען אַלטען מענש.

און אין אמת'ען בין איך אַ שולדיגער! איך האָב נאָך צייהן אין מויל און קען בייסען און קייען. זיי, די אַלטע, מוזען שלינגען ניט־געקייטערהייט.

טרויעריג.

וויל איך — שפּרינג איך, טאַנץ איך; די אַלטע מוזען צעהלען די טריט. וויל איך — לויף איך, ווי אַ פייל פון בויגען אָדער ווי די קינדער, וואָס געהען צוועלף

אזייגער ארוים פון שול; ווייל איך — געה איך מיר לאנג־זאם, מעטאדיש, ווי דער קעניגסבערגער פילאסאף; אבער זיי, די אלטע, מוזען שטענדיג געהן טריט ביי טריט, אניט קענען זיי דעם אטעם ניט כאפען, האלטען זיך ביים הארץ און זאגען דערביי אזוי מעלאנכאליש: ניטא די אמאליגע יאהרען.

טרויעריג.

ווייל איך — פערליב איך זיך אין שעהנע דאמען, אדער רעד זיך איין, אז איך בין פערליבט און האף צו געפעלען; אבער זיי, די אלטע, זענען שטענדיג פערליבט אין אלע פרויען — אויך די גאר מיאוס'ע, אבער זיי געפעלען ניט, זיי דערוועקען בלויז רחמנות אין גוטע פרויען־הערצער.

טרויעריג.

איז דאס ניט איבערטריבען, סענטימענטען? זענען דאך אנדערע אלטע מענשען שטארקער פון מיר, האבען געזונדערע צייהן, פלינקערע פיס און מעהר גליק אין ליבע, ווי איך, האבען אויך אמונה, בטחון, זענען פער־נומען מיט טאגטעגליכע קלייניגקייטען און הייסט מען פלוצלונג געהן אינ'ם וויטען וועג, טרייסטען זיך אפילו אנדערע אטעאיסטען מיט'ן געדאנק, אז ס'איז דאך פאר־האן א גוטער גאט אין הימעל.

דאס אלץ איז אפשר ריכטיג און דאך זענען די אלטע חקירות גארנישט אנטקעגען דעם, וואס די אלטע געהען אוועק ניט־צום־ווידערזעהן, און איך ב ל י י ב. טהון קענט איהר גארנישט נעגען דער אומגערעכטיגקייט, אבער שולדיג זייט איהר. אז עהנליך געפיהל האט איהר, שטע־הענדיג דערביי, ווי זעלנער נעמען אייער חבר פון גע־פענגניש צו דער תליה און איהר לאזט, שווייגט. א ברירה האט איהר. ברעכען שויבען, שרייען „נידער", קלאפען אין די טירען איז גאר מיאוס. בין איך גוט צו אלטע, ווי צו האפנונגסלאז־קראנקע.

בעגעגען איך א בעקאנטען אן אלטען מענשען, דריק איך איהם אונאנשטענדיג ענערגיש די האנד, עפעס ווי איך וואלט וועלען אין זיינע קאלטע גלידער איבערגיסען

מיין ווארים בלוט. אן אלטען טרעט איך כמעט שטענדיג אָב מיין אָרט אין׳ם „על״־צוג אָדער טראם. מיט אן עלטערען שפּיל איך אין קאָרטען און פערשפּיל מיט פּער־גניגען; ער געווינט, איז איבערצייגט, אז איך בין א גרויסער שפּילער און ער — נאָך א גרעסערער. זאָל די אונשולדיגע פרייד איהם וואויל בעקומען.

אלטע בין איך ניט מקנא; איך בייזער זיך נישט אויף זיי. קינדהײט און אָהנמעכטיגע פּערצייהט מען. אָבער... דעם אלטען מארבורגער קען איך ניט פּערציי־הען. איך בין נור א מענש.

איך קען ניט זיין צו דעליקאַט מיט גרייז־גרויע מענ־שען, וואָס טרעטען מיט די פיס אלעס, וואָס איז מיר ליב, און לויבען, פערהערליכען אלעס, וואָס איך האָב פיינט, און ניט גלאַט אזוי זיך פיינט — טעאָרעטיש — נור מיט ליב און לעבען, ריין פּיזיאָלאָגיש.

דער אידישער פילאָסאָף וויל בעצויבערען מיך און אנדערע אידען מיט זיין ד י י ט ש ע ר קולטור, דעם גוטען דייטשען „געמיט״, דעם גרויסען לוטער׳ן, זיין פּראָטעסטאַנטיזם. אין נדן גיט ער מיר נאָך אריין דעם גרויסען דענקער מאָזעס מענדעלסאָן, זיין תנ״ך־איי־בערזעצונג און דאָס רעליגיעז־רעפּאָרמירטע אידענטום.

די דייטשע קולטור! וואָס דאַרף איך זי! וואָס איז זי מיר? איך קען מיר גאַנץ שעהן און רוהיג אָבלעבען מיינע יאָהרען אָהן יעדער קולטור, אָהן היגיענע, מוזעען, עלעקטריציטעט, וועלט־אויסשטעלונגען, סימפּאָנישע קאָנ־צערטען, נאָרד־פּאָל־עקספּעדיציאָנען, נאַטור־וויסענשאַפ־טען און טעגליכע צייטונגען.

געמיט! א גוט דייטש וואָרט, אָבער אונזערע קאָזאַ־קען האָבען נאָך געמיטליכערע ווערטער און זענען דאָך שלעכטע מענשען.

ל ו ט ה ע ר! א גרויסער מענש, אָבער אן אפּיקורס.

די פרומע אידען, די א י י נ צ י ג ע א מ ת ׳ ע אידען, וואָס גלויבען אין׳ם גרויסען גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, האָבען אן עקעל צום טייטשען פּראָטעס־

טאַנטיזם און דעם פּראָטעסטאַנטישען רעפאָרם־אידענטום.

די דאָזיגע שעהנע מתנות נעמט זיך צוריק, געעהר־טער פּראָפעסאָר!

די גוטע, פרומע אידען האָבען רעכט. איך בין איינ־פערשטאַנען מיט זיי. יעדער פּראָטעסטאַנטיזם איז אונ־רעליגיעז און לעבערליך. איך געה נור איין טריט ווייטער. מיר איז אויך דאָס פרומע אָרטאָדאָקסישע אידענטום צו פּראָטעסטאַנטיש, צו טייטשיש, צו מתנגדיש.

איך בין א קאָצקער.

א חסיד.

דעם פילאָסאָפים אידישער לוטהער איז אָפּילו א גרויסער מענש ניט. קיין דענקער ניט. ער האָט געהאַט גוטע כוונות? מעגליך! איך האָב אָבער נאָך בעסערע. האָט געשריבען א פיינעם סאַלאָן־דייטש? יא. שרייב איך א פיינעם סאַלאָן־אידיש. האָט פילאָסאָפירט? ווער, ווער טהוט עס ניט היינטיגע צייטען? א דענקער איז אונזער דיכטער יוסף ראָלניק, דוכט מיר, א גרעסערער פון׳ם בערלינער פילאָסאָף מענדעלסאָן. מיר געפעלען זיי ביידע ניט.

זאָל איך זיין דאנקבאר מענדעלסאָן׳ם תנ״ך־איבערזעצונג? די אידישע משכילים האָבען געמעגט בלייבען אינ׳ם פינסטערען געטאָ. מיר איז אין געטאָ גוט! זיי האָט זיך געוואָלט אין די גוי׳אישע אוניווערסיטעטען? ניט מיין דאגה.

ווילען אידישע יונגע לייט כאפּען די גוי׳אישע שפּראַך, זאָלען זיי. אָבער צו וואָס עקספּלואַטירען די הייליגסטע שריפטען פון דער מענשהייט?

א גלייכערער וועג: בעזעצען זיך צווישען אמת׳ע אמעריקאַנער אָדער צאָהלען א מענשען א פּאָר דאָלאַר און מאָהנען לשון. די הייליגע שריפטען לאָזט צורוה, יונגערמאַן!

דער אַלטער פון מארבורג רעדט זיך איין, אז אלע אידען געהען אויס פון ליבע צו זיין פאַטערלאַנד — דייטשלאַנד.

א נאַרישע אילוזיאָן!

איך, געעהרטער פּראָפעסאָר, האָב אייער פאטערלאַנד נ י ט ליב. רעספּעקט האָב איך, און אַ גרויסען, צו די אונגעלומפּערטע, אָרדנונגס־ליבענדע, סיסטעמאַטישע, אַלעס־סיסטעמאַטיזירענדע דייטשען. אָבער ל י ב ע? קיין פּונק ניט!

ליב האָב איך מיינע חסידים און אַלעס חסידישע, און אויך מיין פאטערלאַנד, דאָס לאַנד פון ח ס י ד י ש ע נשמות, דאָס נאַרישע, שכור'ע, באַרבאַרישע, פערלייזיגטע רוסלאַנד.

דאָס בייזע, אונגערעכטע פאטערלאַנד.
דאָס הייליגע רוסלאַנד.

IV

וועגען דר. שמריהו לעווין׳ס גרויסער אידעע, צוויי ניט אַלטע מיידלעך, גוטע איינפּאַלען, מיין פאָלק, דעם אידישען דיכטער זישא לאַנדוי, די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, דעם ניו־יאָרקער מיליאָנער שיף, און ווידער אַמאָל שיף, מיינע רייד, שיף׳ס ענטפער און צום סוף פערשיעדענעס וועגען טראָר, ד׳אַברוצי׳ס לעבען און פאַר וואָס ער וויל ניט אַוועקגעהן פון דער וועלט.

דר. שמריהו לעווין איז באמת גערעכט: אויף אונזערע אונגליקליכע ברידער אין גאַליציען, פוילען, ליטאַ, פּאַלעסטינא איז אַ רחמנות, און פערלאָזען זיך אויף נדבות קען מען ניט.

אַמאָליגע צייטען האָבען אידען געגעבען מיט אַ פולער האנד און געגלויבט אויף אַן אמת, אַז צדקה איז מציל מענשען פון טויט, טהוט אַן כבוד דעם מענשען אויף דער וועלט און קומט שטאַרק צוניץ אויף יענער וועלט; אָבער מיר, הייגטיגע, ווייסען דאָך גוט, אַז געגען דעם אונ׳רחמנות׳דיגען טויט איז ניטאָ קיין תרופה און קיין עצה, און צדקה איז אַ נאַרישקייט, אַ פּאַליאַטיוו און אַ שלעכטער דערצו, וואָס פערדונקעלט בלויז דאָס קלאָרע קלאַסענבעוואוסטזיין.

דר. שמריהו לעווין שווערט זיך, אַז ער פיהלט די גאַנצע טראַגיק פון אונזער לעבען. באָרוכאָוו הייסט קעמפען, און אויף די אונגליקליכע אידען איז דערווייל אַ רחמנות.

זאָגט דר. לעווין: אַ טראַגעדיע! וויל דער „פאַרווערטס״ ניט ליידען: סטייטש, אַן איינפאַכע טראַגעדיע, וואָס רעדט איהר? ס׳איז דאָך אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע, אַ שוידערליכע. דער גוטער באָרוכאָוו זעהט ברוח הנבואה

אז אונזער צייט איז מעוברת מיט נייע וועלטען — און דער סך־הכל פון די אלע אויפסרופס־צייכענס, טראגעדיען און מעוברת'דיגע צייטען — גאנצע דריי הונדערט טויזענד האלארס, צו דאלאר פער אידישען געבויגענעם און דערשלאגענעם קאפ!

וועניגלעך!

גענוג געררעדט וועגען קאטאסטראפען, גלות, אונזערע פליכטען. גענוג שוין אפעלירט צו די ארימע ארבייטער־מאסען און רייכע רעספעקטאבלע יהודים. פרובט פאלגען דר. ש. לעווין'ס עצה און מאכט א נאציאנאלע הלואה!

א גרויסע, פאנטאסטישע אידעע!

זי געפעלט מיר: איך האב ליב אלעס גרויסע און פאנטאסטישע — אפילו די אונענדליכע פאנטאסטיק פון אלע טעג פון א גאנץ יאהר.

אבער...

גאראנטירען די הלואה דארפען קרעדיט־פעהיגע גע־מיינדען און ארגאניזאציאנען און מענשען. איך בין גרייט צו רעטען מיינע ארימע ברידער, אבער איך בין ניט קרעדיט־פעהיג און מיין אונטערשריפט האט גאר קיין ווערט ניט.

דר. ש. לעווין'ס איינפאל איז א גוטער. איך מוז אריינמישען זיך און אויפהויבען מיין שטים, אז ניט, וועט ב. בארוכאוו מיך אריינרעכענען צווישען יענע קליי־נע מענשען, וואס פערדערבען די גרויסע צייט.

איך וויל ניט זיין פון די דאזיגע קליינע, שלעכטע מענשען.

אמת, די מליצה וועגען די קליינע מענשען און גרויסע צייטען איז א ביסעל אן אבגעדראשענע, אן איבערגעני־צעוועטער עפיגראם פון פרידריך שילער, וועלכער שרייבט ניט אזוי גוט ווי זישא לאנדוי, דערפאר האט ער אבער א גרעסערען נאמען אין זיין דייטשען פאטערלאנד און אין דער איבריגער וועלט, ווי אונזער טיעפזיניגער דיכטער.

אבער א מליצה, אפילו אן אלטע, איז א געזעלשאפט־ליכע מאכט. זי איז אלמעכטיג; פאר איהר בויגען זיך

מלכים און אונטערטהאנען, שעהנע און מיאוסע פרויען, די האַטענטאָטען און דר. ח. זשיטלאָווסקי, זויג־קינדער, שטרענגע מארקסיסטען און — ד׳אברוצי אליין.

אַ, ד׳אברוצי! ער וואָלט שוין געוואוסט וואָס צו מהאָן — אויף שיף׳ס אַרט, צוםביישפיל.

איך שטעל מיר פאָר, ווי איבעראַשט ווערט דר. שמריהו לעווין, פלוצלונג ערהאלטענדיג פער טעלעגראַף פון ד׳אברוצי׳ן צוואַנציג מיליאָנען מיט אַ פאָסט־סקריפּ־טום: נאָך? וויפיל?

אַ פאַנטאַזיע!

אָבער פאַר וואָס איז דאָס אַ פאַנטאַזיע? איך האָב קיין מיליאָנען ניט. אָבער שיף האָט דאָך יאָ. פאַר וואָס טהוט ער ניט, ווי איך? איז ער דען אַן ערגערער מענש פון מיר, האָט ווענינער ליב אידען פון די פּראָפעסיאָ־נעלע רעטער פון אונזער פאָלק און פיהלט ניט אַזוי שטאַרק דעם שווידער פון דער איצטיגער אידישער לאַגע, ווי די מעלאָדראַמאַטישע נייעס־שרייבער פון „פאָרווערטס״?

נאָך אַמאָל: איז שיף ניט אַזאַ גוטער מענש, ווי איך? אַ בעסערער! איז שיף נארישער פון מיר? קליגער! איז פאַרוואָס גיט ער ניט אָב עטליכע מיליאָנען זיינע אונענדליך־אונגליקליכע ברידער?

ניט איינגעפאַלען.

מיר און דר. שמריהו לעווין פאַלט יאָ איין, איהם — ניט.

לאַכט ניט!

אָפּט, שרעקליך אָפט, פאַלט אונז ניט איין דאָס רעכ־טע, דאָס איינפאַכע, אָדער — צו שפּעט.

פאַר וואָס, למשל, האָבען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען נעהאַט דעם מוט צו ערקלערען מלחמה; געטהון ווילהעלם׳ס ווילען, געבראַכט מענשען־אָפּפער און ניט פּערציטערט געוואָרען? פּראַזענהאַפטע רעזאָלוציאָנען אָנגענומען און ניט געטהאָן דאָס, וואָס אַלע מענשען טהוען אין אַנגעזיכט פון אַ גרויסען אומגליק, כמעט אַן אונפערמיידליכען!

פאר וואס זענען זיי ניט געפאלען ווילהעלם׳ען צו די פיס, ניט געוויינט, ניט געקלאגט אויף׳ן גרויסען בראך?

אפשר וואלטען האס, אונערוואַרטעטע טרערען און קינדערשער שטאמעל גערירט ווילהעלם׳ען, די קייזערלי־כע פאמיליע אדער דאס פאטערלאנד, די וועלט? אפשר געקענט אויסמיידען א וועלט־אונגליק. נור וואס דען? ניט געכאפט זיך, אז מען מעג זיין ניט־פייערליך אין א פייערליך־היסטארישען מאמענט.

נ י ט א י י נ ג ע פ א ל ע ן זיי, די סאציאל־דע־מאקראטען, ווי — מ י ר מיט צוויי וואכען צוריק.

איך געה אין גאס, טראכטענדיג, ווי מיין מנהג איז, וועגען אלעמען און גאר נישט. בעגעגענען מיך צוויי יונגע דאמען, ניט עלטער פון דרייסיג יאהר, מיט גרויסע בענדער איבער די אקסלען. כ׳לעז: געדענקט די אונ־גליקליכע אידען אין די מלחמה־לענדער!

מיין ערשטער געדאנק: אויסדרעהען זיך. צו שפעט. די מיידלעך דעריאגען מיך און שטאמלען, ניט גאנץ זי־כער: קאטאסטראפע... אידען...

איך ווער רויט.

זאגט איינע: וויפיל ניט איז.

איך ווער רויטער; טאפ ראק, הויזען, און קוק פער־צווייפעלט אויף די מיידלעך. זיי פערשטעהען ניט און זאגען זיך זייערס.

איך אנטלויף.

אין א פאר מינוט קום איך צו זיך און טראכט: נאר! פאר וואס האסטו ניט אראבגענומען פון זיך דעם נייעם ווינטער־פאלטא און דערלאנגט די מיידלאך איהם, זאגענ־דיג: ליבע דאמען, האט ניט קיין פאראיבעל, כ׳האב ניט קיין קליינגעלד.

די מיידלעך וואלטען זיכער דערשראקען זיך, דערנאך ביסלעכוויוז אנגעהויבען צו פערשטעהן, פערליבט געקוקט אויף מיר און, אבגעבנעדיג מיר דעם נייעם פאלטא, גע־טרייסט מיך: ליבער הערר! א גרויסער דאנק! וויכ־טיג איז ניט דער געשאנק, נור די גוטע כונה.

ס'אַרא קלוגע מיידלעך!

זיי זענען דאָך גערעכט: וויכטיג איז טאַקי די כונה, און נור די כונה, און ניט שוואַרצע פינטעלעך, וואָס יאָגען אָן אַזאַ מיסטישען שרעק אויפ'ן ליטוויש-מתנגד'ישען נעאָ-מאַמר'יסט, דאָקטאָר ש. מלמד.

איך אָבער ענטפער די מיידלעך: טהוט מיר צוליב, מיינע הויכגעשעצטע דאַמען, נעמט אָן מיין אָפּפער... אַ גרויסער פאָלקס-אונגליק...

איך בעט זיך, וויל ניט אָבטרעטען; טהוען מיר די דאַמען ענדליך צוליב, נעמען אָן מיין אָפּפער, ווערען צושטרייט, פערטראַכט און הערען ניט אויף דעם גאַנצען טאָג צו רעדען וועגען דעם אונגעוועהנליכען מענש און דער אונגעוועהנליכער געשעהענים.

ווער וויים, אפשר וואָלטען זיי אין די עלטערע יאָה-רען נאָך אַלץ איבערדערצעהלט דעם עפּיזאָד זייערע קינ-דער.

מיינע פריינד וואָלטען געהאַט אַ גלענצענדע געלע-גענהייט צו לויבען מיין אָריגינאַליטעט און גוטהערציגר קייט. די שונאים זאָגען: אַ פּאָזער — אָבער דאָס האָט פאַנטאַזיע! און די צייטונגען ווידמען לייט-אַרטיקלען דעם געשעהענים מיט'ן אויפשריפט: קאָזמאַ מינין'ס צייטען.

עס איך מיר אָב דאָס הארץ. פערפאַלען. צו שפּעט.

ניט איינגעפאַלען.

קען דאָך גרייליך געמאָלט זיין, אַז שיף'ן פאַלט אויף ניט איין.

און פאַר וואָס פאַלט ניט איין דר. ש. לעווין'ען צו דערמאָנען אָן דעם שיף'ן?

אָבער איך דאַרף זיך ניט פערלאָזען אויף דר. ש. לע-ווין'ען.

איך קען דאָך שרייבען שיף'ן העכסט-קאָנפידענציעל, ערקלערען איהם אויפ'ן בעסטען, שאַרפזיניגסטען, פּאַטע-טישסטען אופן די נויטווענדיגקייט פון אַ נאַציאָנאַלער

הלואה, אריינלעגען איהם אין מויל, וואָס ער האָט צו טהון מיט אזא שרעקליכער צייט.

אַ זעלטענער פּלאַן!

הויב איך אָבער אָן צו צווייפלען, צי מיין העכסט־קאָנפידענציעלער בריף וועט דערגעהן צו שיף'ען.

בעסער שוין אליין געהן.

איך פאַנטאַזיר:

איך געה, קלינג אָן, און די הענד ציטערען מיר.

אַ פערוואונדערטער, אַ ביסעל אַ פערשלאָפענער אַל־טער מענש בעט מיך זעצען זיך.

— וואָס ווינשט איהר, יונגער מאַן?

— זעהן אייך!

— מיך?... המ.. ביטע.

רעד איך לאַנג, נערוועז וועגען מיליאָנען אונזערע ברי־דער אין דעם מאָמענט. שיף פרעגט מיך, ווער איך בין און וועמען איך פערטרעט. איך ווער צומישט. דען אין אמת'ען פערטרעט איך ניט, ניט אַלע קלאַסען פון פאָלק, ווי דער „טאָג", און ניט אַ בעשטימטען קלאַס, ווי דער „פאָרווערטס".

אַ מענש פאַר זיך.

מיינע רייד מאַכען קיין איינדרוק ניט.

— ווער זייט איהר פּאַרט? — פרעגט אונגעדולדיג שיף.

— דער פעליעטאָניסט ד'אברוצי.

— המ... יא, יא.

און אַזוי רעדענדיג רוקט ער מיר אריין אַ צעהן־דאָלאַרדיגען, נעמט מיך וויך פאַר'ן האַנד און פיהרט מיך צום טיר.

איך לויף אַוועק. דערמאָן זיך אָבער פּאַרט, אַז מען טאָר ניט זיין פון די קליינע מענשען, וואָס פערדערבען די גרויסע צייט. מיליאָנען דאַרף מען; און געבען קען שיף, אָבער ניט איך. געפּרובט מיט גוטען — עס געהט

ניט. מוז מען מיט בייזען. שיף וועט שוין מוזען פער־שטעהן.

זאָל לעבען דער טעראָר!

און איך? יא, מיט מיר וואָס וועט זיין?

מיך וועט מען כאַפּען, זיכער כאַפּען.

האָב איך מורא.

כ'זאָל גלויבען אין אונשטערבליכקייט פון זעל, ווי דער גרויסער פּלאַטאָ — וואָלט איך געגאַנגען אויף קדוש השם. איך ווייס אָבער, אַז מיין זעל איז זיכער ניט אונשטערבליך און לעבען לעבט מען נור איינמאָל. מיר איז ניט שטאַרק פרעהליך אויף גאָט'ס גרויסער, אונ־פערשטענדליכער וועלט, אָבער שיידען זיך מיט איהר וויל איך ניט.

גוט איז אַרומדרעהען זיך צווישען מענשען און זאַכען, קוקען, טאַפּען, עפּעס טהון, שמייכלען און וואונדערען זיך, וואָס אַלץ עלטער ווערסטו און ביסט נאָך אַזוי נאַריש.

ניין, איך געה ניט. בין איך דען איינער?

איך בין מוחל די מאַרטירער־קרוין. זאָל אַנאַנדערער דערמאָנען שיף'ן אַן זיינע ברידער. איך בעסער זיץ אין דערהיים, שרייב מיר פעליעטאָנען, לויף אַ מאָל אַריין אין אַ ביבליאָטעק, אין אַ קאַפע, אַ מוזעאום, אָדער אַ קינאָ, געה מיר שפּאַצירען מיט אַ גוטען ברודער אין וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק, שמייכעל הערענדיג, ווי די גע־ליבטע פון מיין זעל פערטרויט מיר אין אויער: נאַרע־לע! טהו אַ מענשען אַ טובה ווען־ניט־איז, שרעק זיך שטענדיג און האָף, ווי דער גוטמוטיגער קליינבירגער, וועלכען דער דייטשער דיכטער געטהע — אַזוי דער־צעהלט דר. נ. סירקין — האָט אַמאָל צוגעגליכען צו אַ בלאָז־זאַק, וואָס איז אָנגעפילט מיט שרעק און האָפנונג.

געטהע האָט זיכער געוואָלט בעליידיגען די קליינביר־גער. איך האָב צו זיי גאָר־נישט.

פּאַסקאַל זאָגט: י ע ד ע ר מענש איז ניט מעהר ווי אַן אָנגעפילטער בלאָז־זאַק מיט שרעק און האָפנונג. וואָס? פּאַסקאַל האָט עס ניט געזאָגט? אָבער ער האָט עס דאָך

ג ע ק ע נ ט זאָגען. זאָג א י ך עס. וואָס איז דער אונטערשיד?

וויכטיג איז דער מוסר־השכל, אז אַ מענש האָט זיך ניט מיט וואָס צו גרויסען און דאַרף ניט האָבען אַ גרויס מויל.

גערענקט, מיינע ליבע, צו וואָס אַ מענש איז געגלי־כען, און זייט מוחל אַלע שוואַכע, אונבעהאָלפענע און זינדיגע, און ד'אַברוצי'ן אויך, וואָס וויל רעטען זיין פאָלק און די גאַנצע וועלט און ניט טהון קיין שאַדען ניט זיך און ניט אַנדערע, און איז ניט מעהר ווי אַ בלאָז־זאַק אָן אָנגעפילטער מיט שרעק און האָפנונג. שרעק — גרויסען. האָפנונג — שוואַכער!

V

די גרויסע צייט. אַ רעכטער מענש. דער לינקער אַ. ליטוואַק. ביבעל, טייפעל און מאַני לייבים לעצטע פּאַרק־עקסקורסיאָנען. טינטענקולים. פּרינציפּען, שרפה און די גרויסע קאָנוועגט־אידעע. מיין אונגעוועהנליך פּראָגראַם. טרוקענע הושענות און קאָמישע רעוואָלוציאָנערען. די בייזע דאַמע און דער בעשיידענער ד׳אַברוצי.

טאַקי פאַר וואָס?

אַ גרויסע צייט! היצט זיך דער אָפּטימיסטישער ב. באָרוכאָוו. און איך צווייפעל. איך בין כמעט זיכער, אַז די צייט איז ניט קיין גרויסע. בעווייזען קען איך דאָס, אָבער איך פויל זיך. איבריגענס קען מען בעווייזען אַלעס, וואָס דאָס הארץ גלוסט.

אַ קאַטאַסטראָפע, אַ וועלט־אונגליק — יא!

אַ גע ש ע ה ע נ י ש? — נ י י ן!

די וועלט געהט אויפ׳ן אַלטען, אויסגעטראָטענעם וועג. ניט צושמאָלצען איז דער אייז, וואָס דריקט הערצער און נשמות. אין אונז — אַלע זיבען טויט־זינד; איבער אונז — דער אַלטער אידיאָטישער בלייערנער הימעל.

אַלעס ווי געוועהנליך; קיינע סורפּריזען און גאַריש־קייטען.

אַ גרויסע צייט — טו וואָס שפּרינגט ניט אַרויס עפּעס אַ רעכטער מענש און פיהרט ניט איין אָרדנונג אין אונזער וועלט? אַלע פיהלען, אַז אַנדערש דאַרף עס ווערען. אָבער וואָס טהוט מען, ווייס קיינער ניט. מיר זייי־נען — ווי מעוברת׳ע פרויען.

נייראַסטעניש...

ווי לעמעלעך שוואַכע. דער פאַטום טרייבט אין דער וועלט אַריין, ווי שעלובסקי׳ס בייזער פאָטער — זיין פער־שייטען זוהן.

זאָל קומען איינער און אַ בעפעהל טהון, קומען און ענטשיידען. מיר וועלען פאָלגען, ווי גוטע קינדער.

אַן אונגעוועהנליכע צייט — און אַ. ליטוואַק קייט און קייט אונפערשעמט די אויסגעדראָשענע, גלאַטינקע, קלוג־קלאָרע, עהרענהאַפטע חכמות פון פאַר־צעהן־יאָהרען און טהוט ניט פלוצלונג, אונערוואַרטעט פאַר זיך און דעם געעהרטען פובליקום, אַ טופּ מיט׳ן פוס, אַ געשריי: נמאס! און אַ לויף אַרויס פונ׳ם איבערגעפילטען, סקאַנדאַליזירטען זאַל. ניין, ער שרייט ניט, אַנטלויפט ניט.

אַ. ליטוואַק איז ניט ווי אַ וו. קאַסאָווסקי, אַ פּ. ליבמאַן, אַ אַלגין. ער איז אַ נערוועזער, סקעפּטישער מענש, האָט אַ פערדעכטיג־וואַרימע שטים, פערקוקט זיך אין די זייטען און האָט ליב אַ נאַש טהון פון פערבאָטענעם. ווי איך. און דאָך!...

אַ גרויסע, נייע צייט — און דער מוטיגער, איבערקלוגער וואָד־מאַן פון דער „פרייער ארבייטער שטימע" איז נאָך אַלץ דער אַלטער נאַאיוועך אפיקורס, וואָס שרעקט זיך פאַר דער ביבעל ניט ווייניגער, ווי לומער פאַר׳ן טייפעל. האָט ער דאָך שוין געמעגט פערשטעהן, אַז שרעקליכע ביבעל־געשיכטען זיינען אונשולדיגע מיטען, וואָס וועלען ניט פערדערבען זיינע קינדער אין שול, אַז דער טייפעל איז ניט אַזוי שוואַרץ, ווי געמאָלט האָבען איהם אין די פינסטערע צייטען גלחים און הערשער, און ניט אַזוי דענערווירט, ווי עס דוכט זיך... זישאַ לאַנדוי׳ן און מאַני לייב׳ען.

דער טויזענד מאָל ליבער מאַני לייב!

אַ גרויסע צייט — טו וואָס געהט ער אַרום אין די שטילע אַלעען און בלייבט שטעהן אַ שטילער, אַ בלייבער, אַ ציטערדיגער אינ׳ם כשופ׳דיגען שיין פון דער בלייבער לבנה. דער גוטער, עהרליכער מענש איז נאָך אַלץ קאָקעטיש־ציטערדיג, סענטימענטאַל־בלייך, פּראַגראַמאַטיש־שטיל, ווי מיט יאָהרען צוריק, ווי אַמאָל.

אַלטע, אַלטע ליעדער און מליצות און איהר רעדט וועגען נייע צייטען!

א גרויסע צייט — און הערמאַן בערנשטיין רעקלאַמירט ווידער אַמאָל, אַן איבריג מאָל, דעם גוט־בעקאַנטען, וועלט־בעריהמטען — הערמאַן בערנשטיין.

צו וואָס ?

א מענש וויל טהון א טובה די פּאַלעסטינער אידען ; זעהר גוט ! פאַרוואָס ניט ? איהר מעגט זיך זיין א ציוניסטען־פּרעסער און פיינד האָבען פּאַלעסטינאַ, ווי די אונפילאָסאָפישע קסאַנטיפּע — סאָקראַט׳ען, אָבער קרעפּירען פון הונגער דאַרפען ניט די יונגינקע יפו׳ער גימנאַזיסטלעך, די ירושלים׳ער שנאָרערס, די תל־אביב׳ער רוסיש־שפּרעכענדע מאַגנאַטען, די פרומע חלוקה־אידען פונ׳ם אלטען ישוב און אפילו די נים־פרומע, מיר ווענינער סימפּאַטישע, פּרעטענציעזע, אידעאַליסטיש־שרייערישע בויער פונ׳ם נייעם ישוב.

א מענש איז א גוטער ברודער מיט׳ן פּרעזידענט, רעדט געלאַסען, האַט מאַנירען, קען גוי׳איש — טו פּאָהר אריבער קיין וואשינגטאָן, ווארף אריין א פּאָר גוטע ווערטער און פועל וואָס מען דארף, אָבער טהו עס שטילערהייט.

שטעהט דאָך געשריבען : ווען דו גיסט צדקה, זאָל דיין לינקע האַנד ניט וויסען, וואָס די רעכטע טהוט.

גוטע ווערטער.

אַן אונגעוועהנליכע צייט — און ער וויל זיך גאָר ניט צוהערען צו אַזעלכע גוטע ווערטער.

א ציימונגס־מאַן : לעבט אין טומעל און פון טומעל.

מאַכט ער גוואַלדען און פערדערבט א גוטען איינפּאַל מיט אונגוטיגער רעקלאַמע, פערגעסענדיג דאָס עלעמענטאַרע וועבער־פּעכנער געזעץ, וואָס לויטעט, אין א זעהר פרייער איבערזעצונג : וואָס עפּטער דער טומעל, אַלץ שוואַכער דער פּסיכאָלאָגישער עפעקט.

א גרויסע צייט — און הערמאַן בערנשטיין איז נאָך אַלץ דער אַמאָליגער טומלערישער ציימונגס־רעפּאָרטער. אפשר גאָר, ווי די „וואַרהייט“ זאָגט :

דער אידישער פרעס־אגענט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון די פעראייניגטע שטאַטען?

זיין פּריוואַט־זאַך.

קיינער איז ניט מחויב צו סימפּאַטיזירען דוקא מיט דער רעפּובליקאַנישער אָדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אָבער אונזער זאַך, א טיף־פּערזענליכע זאַך פון אונזער איינעם, וואָס האָט עמיצען אין רוסלאַנד, איז דאָס, וואָס די וואַרהייטס־מענשען שרייבען אזוי, גלייך ווי זיי וואָלטען זיין פּרעס־אגענטען פון דער דייטשער רעגיערונג.

איך בין ניט קיין גרויסער פריינד פונ׳ם „טאָג", אָבער איך מוז זאָגען, אז קיינמאָל האָט דער אָרגאַן פון די דייטשע אסימילירטע יאהודים ניט געפיהרט אזא פערברעכערישע, נעפעהרליכע פּראָ־דייטשע אגיטאַציאָן, ווי די נאַציאָנאַליסטישע, אידישע, יאהודים־פיינדליכע „וואַרהייט". פאַרוואָס הייסט מען איהר ניט אנטשווייגען ווערען?

א גרויסע צייט — און קיינער בינדט ניט די הענד די דאָזיגע היסטערישע, אין יאָגעניש נאָך סענסאַציאָן, צירקולאַציאָן און אונגעזונדער זיצארבייט פערטעמפּטע טינטערן־נפשות, וואָס גיסען אויל אין פייער און שטעלען אין סכנה אידישע לעבענס!

א גרויסע צייט — און אונזערע פּאַרטיי־פיהרער און פּאָלקס־פערזאָרגער קענען זיך אַלץ ניט צונויפרעדען: זיי האָבען אזעלכע טיפע, פּרינציפּיעלע מיינונגס־פערשידענהייטען.

גילטען דען בשעת א שרפה פּרינציפּען און מיינונגען? טו פאַרוואָס הייסען זיי זייערע פּרינציפּען ניט געהן דערווייל שלאָפען אָדער כאַפּען א שפּאַציר אין דער פרייער לופט? ברענען ברענט דאָך!

וואָס לערנען זיי זיך ניט ביי מיר? איך האָב פיינד מאַיאָריטעטען, רעדנער, שטאַאט, מיטינגען און רעזאָלוציאָנען; גלויב ניט אין דער מיסטישער קראַפט פון וואהלרעכט און בין ניט נור נעגען א פּאַרטיי־מאשין און פּאַר־

טיי־פּאָליטיק, נור געגען יעדער פּאַרטיי און יעדער פּאָלי־טיק.

בין אַפּאָליטיש, אויף צו להכעיס אריסטאָטעל'ן, וועל־כער ערקלערט, אז אַ מענש איז אַ פּאָליטישע חיה.

אָבער אַ צייט — אַן אונגעוועהנליכע, פּייף איך אויף מיינע פּרינציפּען און ווער בעגייסטערט פון דער אידעע פון אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן ק אָ נ ג ר ע ס, אַן אויס־געוועהלטען דוקא אויפ'ן גרונד פונ'ם בעריהמטען פיער־עקיגען, גלייכען, אלגעמיינעם, דירעקטען, געהיימען וואהל־רעכט.

די פּראָפעסיאָנעלע דעמאָקראַטען פאַלט ניט איין, אז אזא קאָנגרעס וועט האָבען אַ גרעסערע ווירקונג, ווי יעדע אנדערע אונדעמאָקראַטישע פערטרעטערשאַפט; אָבער איך פערשטעה דאָס, זאָג איך זיך: זאָל זיין אַ קאָנ־גרעס!

אָבער וואָס גיכער!

קענען זיי ניט פאַרטיג ווערען מיט זייערע פּראָגראַם־דיסקוסיאָנען, זאָלען זיי אָננעמען מיין סינטעטיש פּראָ־גראַם.

איך וויל:

דער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס פונ'ם אַמעריקאַנער אי־דענטום זאָל פאָדערען פאַר'ן אידישען פאָלק נאַציאָנאַלע און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג, דאָס היסטאָרישע פּאַ־לעסטינאַ און אַ צוויי־דריי אונהיסטאָרישע טעריטאָריען— צום אויסקלייבען.

מיינע מאָטיוון: נאָך ב י ר ג ע ר ל י כ ע ר גלייכבערעכטיגונג לעכצען אַלע פּשוט'ע אידען פון אַ גאַנץ יאָהר, נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע רעכט פאָדערען סיי־מיסטען און בונדיסטען. פ אַ ל ע ס ט י נ אַ ווילען האָבען ציוניסטען, אַ ט ע ר י ט אָ ר י ע — טעריטאָ־ריאַליסטען.

טו זאָל דער קאָנגרעס טהון אַלעמען צוליב און קיי־נעם ניט בעטריבען.

אַן אוטאָפּיסטיש פּראָגראַם? פאַרוואָס? פאָדערען

קענען מיר דאָך זיכער, אַז זיי וועלען אונז ניט הערען? אפשר יאָ? עפּעס איז האָך די צייט מעוברת מיט נייע וועלטען, ווי באַרוכאָוו דריקט זיך אויס.

אגב — זאָגט, וואָס איז ער אַזוי ברוגז אויף די אויך־מיר־פּעסימיסטען, וואָס זיי אָרט גאָרניט, אפילו ניט זיין מעוברת׳ע צייט? ניט שעהן חוזק מאַכען פון פּערטרי־קענטע הושענות אונזערע — דאַרע, פּאַרבלאָזע מענשען אָהן האָפנונג, וואָס קוקען אויף אייך אַזוי פּערשעמט, גלייך ווי זיי טהוען אַ פּערברעכען, פּערנעמענדיג אַן אָרט אויף דער וועלט, וואָס געהערט אייגענטליך אייך! וועמען שטעהען אין וועג די פּערוועלקטע מענשען?

וועניג אָרט אייך, הערר פּילאַלאָג?

פּרעגט טאָלסטאָי׳ס איליאַ איליטש׳ען, וויפיל ערד דאַרף עס האָבען אַ מענש. ער וועט אייך זאָגען: אין גאַנ־צען אַ פּאָר איילען.

אַ נייע צייט — און די רוסישע רעגירונג איז נאָך אַלץ פּער׳עקשנ׳ט־ברוטאַל, און די רעוואָלוציאָנערע פּאַר־טייען — פּער׳עקשנ׳ט־רעוואָלוציאָנער.

זאָל זי געבען אַ ביסעל פּרייהייט דעם פאָלק; וואָס קאָסט עס איהר? וויל ניט!

זאָלען זיי אַ ביסעל נאָכלאָזען פון זייערע רעפּובלי־קאַנישע און סאָציאַליסטישע פאָדערונגען! קענען ניט!

אַ גרויסע צייט — נו, וועלען דען די אידישע רעוואָ־לוציאָנערען האָבען דעם מוט צו ערקלערען דעם לאַדזער ראַבינער טרייסטמאַן, וועלכער האָט מיט זיינע קלוגע, אונטערטעניגע רייד געראַטעוועט אידישע נפשות פון דער תליה, פאַר אַזאַ גרויסען נאַציאָנאַלען העלד, ווי פּנחס דאַשעווסקי אָדער סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ?

קיינמאָל ניט!

זיי וועלען אויך ניט דאַנקבאַר זיין די לאַדזער קאַפּי־טאַליסטען, וואָס האָבען אין טאָג פון פּאָגראָם אויסגעבע־טען זיך ביים קאָמאַנדירענדען גענעראַל: ער זאָל רחמנות האָבען אויף אַ שטאָרט אידען, פּערשטאַרקענדיג דעם

עפעקט פון זייערע רייד מיט פינף־און־זיבעציג־טויזענד־רובעלדיגען האבארעל?

ניין!

זיי ווילען אננעמען פראטעסט־רעזאלוציאנען געגען דער שענדליכער, ערנידריגענדער שתדלנות־פאליטיק פון אונזער בורזשואזיע און פייערליך ערקלערען, אז זיי בלייבען טריי דער אלטער, אויסגעפרואוועטער רעוואלוציאנערער קלאסען־קאמף טאקטיק.

די קאמיקער!

א גרויסע צייט — און איך קען אלץ נאך ניט פערדינען פינף־און־צוואנציג דאלאר א וואך, און מיין גוטע בעקאנטע, די בלאנדע, שלאנקע, קלוגע... איז בייז, ווי שטענדיג.

איך זאג איהר קאמפלימענטען, און איהר געפעלען גאר ניט מיינע זיגזאגען: איך האב ניט קיין דרך־ארץ פאר גרויסע מענשען. אפשר איז דאס ניט גוט!

פלוצלונג גליהען אויף איהרע געהיימניספולע, פערנעבעלטע אויגען: א גליקליכער געדאנק. איך דערמאן איהר קרילאוו'ס — א חיה. טאקי? וואס פאר איינע? דעם קליינעם הונד, וואס בילט אויפ'ן עלעפאנט.

איך געדענק. איז דאס צום לאכען: דער הונד וויל גאר ניט מעהר, ווי די וועלט זאל זאגען: „א גרויסע, שטארקע חיה מוז דאס הינטעל זיין, אז בילען בילט עס אויפ'ן עלעפאנט אליין."

איך לאך. אבער אויפ'ן הארצען איז שווער.

דאס מיינט מען מ י ך.

איך בין ניט קרילאוו'ס הונד, און זיי זיינען ניט קיין עלעפאנטען. גיכער בין איך אן אונגעלומפערטער, פערוואונדעטער עלעפאנט. אדער אפשר גאר א געלרויטער גן־עדן פויגעל? זי וויים דאס, טו וואס האט זי געזאגט א ליגען און מיר וועה געטהון?

א גרויסע צייט — טו פארוואס טהוען מיר איינער דעם אנדערען אוננויטיג וועה?

א נייע צייט — טו פארוואס דערצעהלען מיר אלטע

אנעקדאָטען, שטופּען זיך, לאַכען פּערדיש, זידלען אָווענד־
צייט די מידע פּרוי פּאַר וואָס זי האָט פאַרקאָכט געניצ־
טען טעע און פערוואָרפען אונזערע זאַכען ; רעדען פויל ;
גענעצען שוין אין דער־פריה און ווילען דאָך די ערשטע
אַריינכאַפּען זיך אין דעם עקספּרעס־צוג דוקא ? לויפען
היסטעריש אַרום איבער דער וועלט, ווי די אונגליקליכע
ווייסע מייזלעך אינ׳ם בראָנקסער זאָאָלאָגישען גאָרטען ?
א גרויסע וועלט־איבערקערענדע צייט — טו פאַרוואָס
רייסען זיך ביי מיר פון די ליפען ניט אַרויס איינפאַכע
ווערטער, פונ׳ם האַרצען — שטילע זיפצען, פונ׳ם טעמ־
פען קאָפּ — בליץ־געדאַנקען, לייכטע ווי דער שמייכעל
פון א גענעזענעם, גוטע ווי מיין שוועסטער, טיפע ווי
דעם דיכטער׳ס וואָרט, פרישע ווי דער נור־וואָס פון
דרוק־מאַשין אַרויסגענומענער עקזעמפּלאַר צייטונג ?
פאַרוואָס ?

VI

אַ ליידענשאַפטליכע פּאָלעמיק פון צוויי ליידענשאַפטס־לאָזע דזשענטעלמענען, פון וועלכע איינער איז דער גלענ־צענדער פּעליעטאָניסט ד׳אַברוצי און דער צווייטער — דר. ח. זשיטלאָווסקי בכבודו ובעצמו.

גע׳פּועל׳ט!

דר. ח. זשיטלאָווסקי בעט זיינע געעהרטע קריטיקער ניט לעגען זיך קיין פייגעלעך אין בוזים.

לעג איך ניט.

ניט דאגה׳ן וועגען זיין רעפּוטאַציאָן.

דאגה איך ניט.

וויסען און געדענקען, אַז זיינע הערצל־ערינערונגען זענען היסטאָרישע דאָקומענטען, וואָס טאָרען ניט פעהלען אינ׳ם ארכיוו פון דער אידישער געשיכטע.

ווייס איך, געדענק איך און בין גרייט צו פאָדערען דעם בכבוד׳יגסטען אָרט אינ׳ם ארכיוו פאַר דר. זשיט־לאָווסקי׳ס דאָקומענטען.

אָבער אין נאָמען פון היסטאָרישער גערעכטיגקייט פאָדער איך אויך, אַז אַלס וויכטיגער היסטאָרישער פאַקט זאָל אין די געשיכטליכע אַנאַלען פערשריבען ווערען, אַז אויף מ י ר האָבען די דאָזיגע הויכוויכטיגע און טיף־סענסאַציאָנעלע ענטפּלעקונגען זיינע קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט. דעם קלענסטען ניט!

דר. ח. זשיטלאָווסקי וויל איינרעדען דער וועלט, אַז ער האָט געזעהן הערצל׳ן אין אַ זעהר אונגינסטיגער בע־לייכטונג, אין אַ לעכערליכער פּאָזע, קליין, אָהן יעדער שפּור פון אמת׳ער גרויסקייט. איינפערשטאַנען: די בע־לייכטונג — אַ פערדעכטיגע, די פּאָזע — אַ שלעכטע. דעם גוטען ווילען, צו פער׳מיאוס׳ען הערצל׳ען, האָט דר.

זשיטלאָווסקי זיכער געהאַט. אָבער הערצל'ס ליבליכע געשטאַלט איז ניט פערדונקעלט געוואָרען פון דער פילאָסאָפיש־שפּרעכענדער קאַמעראַ־אָבסקוראַ מיט'ן נאָמען: דר. ח. זשיטלאָווסקי, וואָס איז בעוואָפענט מיט אַ פיינדליכען סוביעקטיוו אַנשטאַט אַ פאָטאָגראַפישען אָביעקטיוו.

וואָס מעהר איך טראַכט וועגען דר. זשיטלאָווסקי'ס ערינערונגען, אַלץ ווייניגער פערשטעה איך, פאַרוואָס די ציוניסטען האָבען זיך אַזוי דערשראָקען פאַר זיי.

געוואָלט שעלטען — און האָט געבענשט.

פּאַסקוויל, זאָגט איהר? ניין, אַן אַפּאָטעאָז.

די געפעהרליכע דאָקומענטען האָט ער זיכער גענומען פערעפענטליכען מיט יאָהרען צוריק.

זאָל א. ליטוואַק ניט קלאָגען: אַזאַ פעטער ביסען! דערלאַנגט מען דעם ציוניסטישען געגנער מיט אַזאַ סענסאַציאָן אין קאָפּ, ווערט ער דאָך אָן דעם לשון, דו טריאומפירסט, דיינע זעגען גליקליך, דאַנקבאַר, מיידלעך דריקען פילבעדייטענד די האַנד און קוקען אונגעוועהנליך פערליבט־עקסטאַטיש אויף דיר.

ווייל אָבער דר. זשיטלאָווסקי זיין אַ דזשענטעלמען, דערבאַרעמט זיך איבער'ן שונא, האָט גאָר ניט אין זין די אינטערעסען פון א. ליטוואַק, דער אַלוועלטליכער רעוואָלוציאָן און אידישען פּראָלעטאַריאַט און פערשווייגט די גאַנצע מעשה. פעראַט! שוין דאַמאָלס געמוזט זיין אַ בעהאַלטענער ציוניסט. ניט אַנדערש. ווייל אונז פעררעדען די צייהן.

איך מיין אויך, אַז דר. זשיטלאָווסקי האָט זיך ניט געדאַרפט דערבאַרימען איבער הערצל'ן. ער האָט איהם גענומען רוהיג, אָהן יעדען געוויסענסביסען און יושר־וועהטאָגען איבערענטפערען אין דעם „בונד'ס" הענד.

קיין געפאַהר!

מיר קענען די לייט. פלעווע האָט זיך נעשראָקען פאַר זיי: אַ גוי'אישער קאָפּ, אַ פּאָליציי־דעפּאַרטמענט־פּסיכאָלאָג; ער האָט זיי געזעהן אין אַ פאַנטאַסטישער שונד־ראָמאַן־בעלייכטונג. אָבער מיר שרעקען זיך שוין

גאַרניט פאַר די אַלע טערמאַנס, אַלגינס, שבנא עפּשטיינס, גאָלדפאַרבס, סאַלוצקים; אפילו די אַהנמעכטיגע אַלטע פונ'ם „פאָרווערטס" האָבען פאַר זיי קיין מורא נים.

שטילינקע מענשלעך, מיטעלמעסיגקייטען, האָבען גאָר קיין הערנער נים.

עס! פון זייערע הענד וואַלט זיך הערצל ווי עס איז ארויסגעריסען. זיי וואָלטען איהם ניט אויפגעפרעסען; פרעסען זיי איהם דאָך שוין יאָהרען־לאַנג און עס שאַדט ניט הערצל'ן, ניט זיין זאַך.

אַט קריצט איצט ליטוואַק מיט די צייהן: אוואַנטור־ריסט, דער באַזעלער גואל צדק, אויבער־ציוניסט. הערט איהם אימיצער? קיינער נים. האָט ער צוגעגליכען דעם אויבער־ציוניסט הערצל צום אויבער־שוחט פלעווע; ביי־דע — רעאַקציאָנערען,ביידע... ס'איז נאַריש, א ביסעל עקעלהאַפט, אָבער ווערט, וואָס ליטוואַק זאָגט? קיינער האָט עס ניט בעמערקט, אויסער — מיר, וואָס לאַכט פון א. ליטוואַק'ן און זיין הארציגען פּארטיי־זשאַר־גאָן.

ציימען בייטען זיך.

אמאָל האָבען אַלע עהרליכע מענשען מיט א פונק מענשליכקייט אין הארצען שרעקליך הנאה געהאַט פון די אַלע גייסטלאָזע, ליגנערישע, צוגעפאַרבטע אויבער־רעוואָלוציאָנערע מליצות; איצט פערשטעהט שוין כמעט יעדער, אז אייגענטליך האָט ליטוואַק גאָר ניט צו הערצל'ען, אפילו צו פלעווע'ן ניט, רעדט פּאַרטיי־לשון, ווייל אין עלטערע יאָהרען איז שווער זיך אויסצולערנען א פרעמדע שפּראַך, און איז אין כעס אויף'ן קליינבירגער־טום, זיין קלאַסען־פּאָליטיק און נאַטור אפשר דערפאַר, וואָס א מענש — יעדער איינער — מוז זיך כעס'ן, אז ניט, ווערט ער דערשטיקט, און אויף וועמען ער לאָזט אויס זיין כעס, צי אויף אייגענע, ווייב און קינדער, צי אויף פרעמדע אידען און פּאַרטייען, איז גאַנץ עגאַל.

איצט צו דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס פאַקטען.

היסטאָרישער פאַקט נומער איינס: הערצל האָט גע

פיהרט פערהאנדלונגען מיט פּלעווע׳ן און געוואָלט אויס־בייטען א רעוואָלוציאָן אויפ׳ן הייליגען לאנד.

קיין וואונדער ניט!

וואָס איז געווען הערצל׳ן די רוסישע רעוואָלוציאָן? גאָרניט. דאָס הייליגע לאנד? אַלעס.

א גוטער בייט!

מיט׳ן אינטערנאציאָנאַל האָט הערצל קיין פערהאנד־לונגען ניט געפיהרט, ניט געקענט פיהרען. דער אינטער־נאציאָנאַל האָט דאך קיין מאכט ניט געהאט. הערצל האָט געוואָלט — רעזולטאטען; ווארפט ער זיך אויף אַלע זייטען. פּלעווע איז פּלעווע. אפשר. געווען איז הערצל א גוטער, ווייכער, פּיזיש־ריינער מענש. האָט געפיהלט אַן עקעל צו פּלעווע׳ן; איז געגאנגען, ערניד־ריגט זיך, איינגעריכט די הענד. ניט געשוינט זיין פעל, נאָמען. אזוי טהוט די גרויסע ליבע.

דר. ח. זשיטלאָווסקי ווייס ניט, וואָס גרויסע ליבע איז. — טו זאָל ער שווייגען!

פאקט נומער צוויי: הערצל האָט גענאַרט די ענגלי־שע רעגירונג און די אידישע וועלט, האָט גערעדט פון אוּ־גאנדאַ און געמיינט גאָר — ארץ ישראל.

אַן עולה!

אָבער וואָס שטעלט זיך דר. זשיטלאָווסקי אזוי איין פאר׳ן כבוד פון עפּעס אַן אפריקאנישער אוגאנדאַ? ע ר קען זיך בעגעהן אָהן ארץ־ישראל. א י ך — אויך. אָבער אויף אוגאנדאַ מעג מען דאך זיכער א שפּיי טהון, ווי הערצל האָט געטהון. וואָס דארפען מיר אוגאנדאַ?

פאקט נומער צוויי האָט געדארפט אָנפילען מיט גרויסער פרייד די הערצער פון אַלע, וואָס האָבען ליב הערצל׳ען און נאָך מעהר דאָס הייליגע לאנד. זענען דאך פילע פון זיי ניט געווען זיכער מיט הערצל׳ען און זיין הארץ: א פרעמדער, א לייכטזיניגער. איז בינאַמיש, פּאָליגאַמיש גאָר. איצט זעהען מיר: א בלבול. ער איז געווען טיף־מאָנאָגאַמיש.

מאָלט אין גליהענדע, פערליבטע ווערטער איהרע, נור

א י ה ר ע שעהנהייטען, ערדט הייס און שעהן וועגען א י ה ר צוקונפט, איז מיט יעדען אטאם פון זיין נשמה א י ה ר ע ר, נ ו ר א י ה ר ע ר.

אזוי זאגט דאך דער שונא; איהם מעג מען גלויבען.

מיט יעדען אטאם, איהר הערט, איבערגעגעבען צו ארץ־ישראל.

געדענקט נור דאס הייליגע לאנד.

ריהרענד!

פאקט נומער דריי: הערצל איז גאר ניט געווען קיין מארקסיסטישער סאציאליסט, האט זיינעם, גאנץ אריגי־נעלען סקעפטיש־פעסימיסטישען קוק אויפ'ן אייראפעאי־שען סאציאליזם.

איך געה ווייטער. איך בין זיכער, אז הערצל איז געווען ווייט פון יעדען סאציאליזם. שוין די העכסטע צייט אויפהערען צו מאנען פון יעדען איינעם ליבע צום פראגרעס, אויפקלערונג און פראלעטאריאט!

איבריגענס איז דאך דר. זשיטלאווסקי אויך ניט קיין כשר'ער מארקסיסטישער סאציאליסט און ווערט פון פרור־מע סאציאל־דעמאקראטען פערדעכטיגט אין געפעהרליכע אפיקורסות. מעג ער — מעג דאך הערצל אודאי. טו וואס פער'מסור'ט ער הערצל'ען פאר דער ארטאדאקסי־שער סאציאליסטישער וועלט?

פאקט נומער פיער: הערצל איז מעהר קינסטלער, ווי דענקער.

א חסרון, די כלה איז צו שעהן.

יעדער איינער דארף זיין א קינסטלער. דער אמת'ער קינסטלער איז דער ריכטיגער מענש.

דאס זאלץ פון דער ערד.

א דענקער איז א פערזעהניש און א ליגען.

דעם דענקער'ס סוד.

ניטשע'ס סוד.

פאקט נומער פינף: הערצל איז הויך, שעהן, אוי־גען — גרויסע, פערטראכטע, דאס געזיכט — פערגייס־טיגט, יעדער קער פול מיט גראציע און ענערגיע, אבער...

א פיל־בעדייטענדער אָבער...

זיינע ליפּען! אַי, שלעכט! אַזאַ איינער, וואָס האָט אַזעלכע ליפּען, קען גאָר ניט זיין קיין גרויסער מענש. בלוט־רויטע, אויפגעקאַשערטע!

פערשטעהט? איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן. א י ך האָב בלייכע ליפּען, אָבער אַנדערע גרויסע מענשען מעגען זיך האָבען בלוט־רויטע ליפּען.

דערצעהלט דר. זשיטלאָווסקי נאָך עפּעס וועגען יענע ליפּען:

א ביסעל־אויפגעריסענע. איך כאַפּ ניט. טייטשט ער: דאָס הייסט תאווה'דיגע. איצט פערשטעה א י ך. אָבער ער האָט מורא: דער עולם־גולם וועט ניט פערשטעהן. שטעלט ער אַ קאָמאַ און מאַכט אַ אידישען פּירוש אויפ'ן העברעאישען וואָרט: תאוה'דיגע, דהיינו: הנאה'דיגע. גלויבט אַלץ ניט דעם עם־הארץ'ישען פאָלקס־מענש און וואַרפט אריין נאָך אַ קאָמאַ מיט'ן נייעם עכט־אידישען טייטש: ס'מיינט גשמיות'דיגע.

א פּראָבלעם: וואָס רעדט דער צנועת'דיגער דר. ח. זשיטלאָווסקי מיט אַזאַ הנאה'דיג־גשמיות'דיגער תאוה פון הערצל'ס בלוט־רויטע ליפּען? זאָל זיך דער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער בעשעפטיגען מיט דער האַזיגער גאַנץ־איינ־טערעסאַנטער שאלה, קלאָר איז איינס: דר. ח. זשיט־לאָווסקי האָט זעהר געוואָלט אויף אונז מאַכען דעם איינ־דרוק, אַז הערצל האָט זינליכע ליפּען. די דאָזיגע וויכטי־גע פיזיאָנאָמיסטיש־פּסיכאָלאָגישע ענטדעקונג האָט דר. זשיטלאָווסקי געפּרואווט פּאָפּולאַריזירען, ווי אימער.

ווי געפעלט אייך די ארבייט?

דר. זשיטלאָווסקי האָט פיינד פּאָפּולאריזאציאָנען און טייטשען, ווי דעם טויט.

גערעכט.

א קלאָג!

זאָל ע ר דאָס וויסען און געדענקען: ע ר, וואָס האַלט אין איין פּאָפּולאַריזירען פרעמדע, אונפרוכטבאַרע

געדאנקען און לאנגווייליג מיטשען פסוקים, ציטאטען און אידעען פון אלע לענדער און צייטען.

פאקט נומער זעקס: הערצל'ען דוכט זיך: ער איז דער משיח, דער פאלק-ערלעזער.

הערענדיג אזעלכע רייד איז דר. זשיטלאָווסקי שיער חלשות געפאלען. די הענד אראבגעלאזט, פערשעמט זיך: סטייטש, סטייטש! א מאָדערנער אייראָפּעער זאָל גאָר גלויבען אין נארישקייטען.

אמונות זענען שעהנע, פאָעטישע פאנטאזיען: א בכבוד'יגער מאָדערנער מענש פאקט זיי אריין אין זיין גייסטיגען באגאזש. אָבער גלויבען אויף אַן אמת — ווי רויה, ווי אונפראָגרעסיוו, ווי נאריש!

מיט יאָהרען שפּעטער, פערטיפענדיג זיך אינ'ם זין פון הערצל'ס ווערטער, האָט דר. זשיטלאָווסקי זיך ער־קלערט דעם ענין אויפ'ן בעסטען אופן. אלעס געהט צו בדרך הטבע. הערצל איז א ביסעל געווען געריהרט פון זינען, א ביסעל זיך צופיעל אָנגעשטרענגט; ניט געזונד! דערצו א הערָאאישער ווילען און גאנץ זאָנדערבארע אויבער־נערוועו...

א טיפער פילאָסאָף — דר. זשיטלאָווסקי!

פון מיסטישע שפירונגען האלט ניט דער אידעאליס־טישער דענקער פון פייגענבוים'ס שול, אָבער פון נער־וועו — א וועלט.

אָ, די נערוועו!

פאקט נומער זיבען: הערצל זאָגט שעהנע פּאראַ־דאָקסען, אָבער קיין לאָגישע ארגומענטען, ערנסט־דורכ־געטראכטע האָט ער ניט.

דר. ח. זשיטלאָווסקי מיינט, אז זיין ערנסט, לאָגיש איז זעהר וויכטיג, זעהר שווער.

ניט אמת.

דעם אייביגען פּאלעמיסט, דעם פערזאמלונגס־מענש קען זיך דוכטען, אז די וועלט שטעהט אויף גוטע לאָגישע ארגומענטען. א נאטירליכער טעות!

זיין ערנסט, לאָגיש איז גאָר ניט שווער. דאָס קען יעדער; אפילו דוד פינסקי.

ניט נויטיג; באַלאַסט.

אָבער זאָגען אַ פּאַראַדאָקס איז גאָר ניט לייכט, בפרט אַ שעהנעם. זאָל נור זשיטלאָווסקי פּרואווען זיין פּאַראַדאָקסאַל! אנו?

נאָך אַלעמען, איז ער אפשר אַ גאַנץ אונשולדיגער מענש; די צרה איז נור, וואָס ער האָט אַ פּ אַ ר אַ ד אָ ק ס אַ ל־הויכע מיינונג וועגען זיין קאַלטער לאָגיק און קוקט מיט אַ גאַנץ־אונפּערדינטען דרך־ארץ און אונפּער־שטענדליכער יראת־הרוממות אויפ'ן היסטאָרישען מהות פון זיין שווערגעבויטער פּערזענליכקייט.

אפשר טאָקי דעריבער ערלויבט ער זיך צו קוקען פון אויבען אַראָב אויף גרעסערע און בעסערע פון זיך.

האָט רחמנות אויף הערצל'ען.

אַ ביסעל אויטאָביאָגראַפישעס.

אַנדערע זאָגען, אַז רחמנות איז אַ מיאוס געפיהל. איך האָב קיין שום מיינונג ניט וועגען דער דאָזיגער וויכטיגער פראַגע, ווי וועגען טויזענד אַנדערע נאָך וויכ־טיגערע. איך פויל זיך צו האָבען מיינונגען. דאָס שטערט מיר אָבער ניט צו זיין אַ גוטער מענש.

דערלאַנג איך אַמאָל אַ שכור גאַנצע פינף סענט, פאָדער אַן אַכט־שעה'דיגען אַרבייטס־טאָג באַלד שוין, און אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט אויף שפּעטער, נעם אַ גמילת־חסד מיט פערגעניגען און גיב מיט נאָך אַ גרעסע־רען, נעה אַמאָל אויף'ן רויטען־קרייץ־באַל, מאַך אַ זויער פּנים הערענדיג וועגען די אונענדליכע אָפּפער פון דער מלחמה און אונמענשליך געשענדטע אידישע פרויען. אָבער אַלס היסטאָרישער פּאַקט, וואָס טאָר ניט פעהלען אין די געשיכטליכע אַרכיוועז פון'ם מענשען־געשלעכט מוז קאָנסטאַטירט ווערען, אַז איך האָב רחמנות נור אויף שוואַכערע, קלענערע, אונגליקליכערע פון מיר.

אויף הערצל'ען וואָלט איך קיין רחמנות ניט געהאַט. לאָניק און אַרגומענטען האָב איך פיינד מעהר פון איהם,

פאראדאקסען זאג איך שענערע, ווי ער, האב ליפען און אויגען — גאנץ תאוה'דיגע; אבער ער איז א הויכער, איך — א קליינינקער, ער — א שעהנער, איך — א מיאוס'ער, ער טהוט א קער זיך — איז דער ריהר פול ענערגיע און גראציע און דאס גאנצע פאלק הערט זיך צו און קוקט זיך איין, אבער איך בין אהן ענערגיע. ווי זאגט עס ר. אייזלאנד:

מיט לייב און לעבען מיד

פון גרויע טעג, פון נאריש־לאנגע רייד.

און גראציעז בין איך שוין גאר־ניט. בין בעקאנט ניט מעהר ווי אין די ניו־יארקער ליטערארישע קאפעס.

ניין, הערצל איז געווען א גליקליכערער פון מיר.

איך בין זעהר אייטעל, אבער איך מוז זיך מודה זיין: א גרעסערער מענש פון מיר איז ער געווען.

אויף איהם וואלט איך ניט געוואגט רחמנות האבען. טו ווי וואגט עס דר. זשיטלאווסקי?

דער פאטעטישער ריטאר האט גאר קיין פאטאס פון — דיסטאנץ ניט.

דערצעהלט אזוי רוהיג וועגען זיין בעגעגניש מיט זיינע בעקאנטע בונדיסטען. אפילו ז י י, בונדיסטען, ארט דער חורבן פון דער גרויסער נאציאנאלער האפנונג. אונגלויבליך! אין זייערע אויגען, דערצעהלט ער, שטע־ הען טרערען. וואונדערט ער זיך — ריין טעארעטיש. געריהרט ווערט ער ניט. די בונדיסטען זאגען פער־ שעמט: א שעהנער חלום איז געשטארבען! זיי שעמען זיך, האבען מורא, חלום'ען איז פערבאטען, פערגיסען טרערען טאר מען ניט. דערצו — א פרעמדע לויה. זיי טארען ניט קלאגען. און דאך טהוט וועה: פארוואס פערגעהט אלעס שעהנע אויף דער וועלט ווי א זייפענ־ בלאז?

דאס נעמט אונזער דר. זשיטלאווסקין ניט. ער לאכט ציניש: א ו נ ז צו געזונד!

קען מען מיינען, אז דער מענש האט גאר קיין געפיה־ לען ניט. פערקערט: א געפיהלס־ווירטואז! א מויק

אויף געפיהלען, אָבער נור אויף קאַלטע, שווערע, שוואַרצע.

האָט ער צוקאָכט זיך פון דער שרעקליכער נאַכריכט, אַז פּלעווע וויל פערפיהרען די אידישע רעוואָלוציאָן.

צוגעגאַנגען איז דאָס אַזוי: הערצל רעדט און דר. זשיטלאָווסקי'ס האַרץ נעמט אַרום אַ שטורם פון ש וו אַ ר צ ע געפיהלען. פונ'ם קאַלטען שטראָם שפּרינגט אַרויס דאָס געפיהל פון סכנה. ער האָט אַ חשר, אַ שרעקליכען.

פּראָוואָקאַציאָן!

דאָס אומריינע וואָרט ברענגט ניט דער רעספּעקטאַב־לער דר. ח. זשיטלאָווסקי אויף זיינע ליפּען. אַן אַבגע־היטער מענש, אַ חשוב'ער! אַ טראַכט געטהון האָט ער, אַן אַנצוהערעניש געגעבען אַ גראָבע, פערשטעהן וועט יעדער, וואָס ער מיינט, אָבער ע ר האָט ניט געזאָגט.

מיאוס! מוטיגער דאַרף מען זיין!

דר. ח. זשיטלאָווסקי איז אַ טיפער פּסיכאָלאָג: טאַקי נור איהם האָט געקענט איינפאַלען, אַז הערצל פּראָוואָ־צירט.

וועמען? וואָס? פרעגט ניט קיין קשיות. אויף אַ קליינבירגערליכען נאַציאָנאַליסט, וואָס פאָהרט צו פּלע־ווע'ן, רעדט האַסטיג, וויל דוקא ארץ־ישראל, נאַרט די ענגלישע רעגירונג, האָט מיסטישע שפּירונגען און בלוט־רויטע תאוה'דיגע ליפּען איז אַלץ צו גלויבען.

שרעקט זיך דר. זשיטלאָווסקי און דערפיהלט אַ שנאה צו הערצל'ען — אַ ק אַ ל ט ע, פערשטעהט זיך.

אייגענטליך זיצט ער דאָ בטעות און די גאַנצע גע־שיכטע געהט איהם ניט אָן. פּלעווע וויל כאַפּען אין נעץ די אידישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג. ניט זיינע. ער איז גאָר פערטהון אין די פויעריש־רוסישע רעוואָלו־ציאָן. אָבער דערשמעקענדיג פּראָוואָקאַציאָן, קען אַן עהר־ליכער רעוואָלוציאָנער ניט בלייבען רוהיג.

איז ער ניט רוהיג.

נייע געפיהלען — שוין גאַנץ אַנדערע, דערצעהלט ער, ווי די פריהערדיגע, אָבער אַלץ ק אַ ל ט ע, ש וו ע־

ר ע, קומען צופליהען, אטאקירענדיג דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע הארץ.

אַ שטאַרק הארץ. האַלט אוים.

נאָך אַ קלאַפּ: אַ ים פון ק אַ ל ט ע ן ח ו ש ך האָט זיך צוגאָסען איבער'ן הארץ. אַ ים — קאַפּוט מיט'ן דר. זשיטלאָווסקי. ער איז טאַקי אין אַ קאָשמאַר. סכנות נפשות.

וואָס טהוט ער? גאָר ניט טהוט ער. ער גערהט — ש פּ י י ז ע ן.

בעסטען אַפּעטיט, הערר דאָקטאָר. אָבער וואָס האָט איהר געדאַרפט צולאָזען זיך צום הארצען די קאַלטע שטראָמען און ים'ען פון חושכ'דיגע, שווערע געפיהלען און אָנוואַרפען אַ פּחד אויף אונז? אייך איז דאָך לכתחילה קלאָר געווען, אַז פונ'ם שדוך וועט זיך גאָרניט, אַבסאָלוט גאָרניט, אויסלאָזען. וואָס האָט איהר געצי־טערט? דעם בלוטיגען חתן'ס גזר־דין איז דאָך שוין פער־חתם'עט און טאַקי פון אייער פּאַרטיי. געוואוסט האָט איהר גוט, אַז כלה'ס צד וועט זיך פונ'ם שדוך מיט עקעל אָבקערען. בונדיסטען אָנבאָטען דאָס אַלטע אידי־שע פאַטערלאַנד אָנשטאָט דעם רעוואָלוציאָנערען רוס־לאַנדער קאַמף — משוגעת!

פרעגט זיך: ווער איז דאָ געווען אין סכנה? ווער און וואָס?

איז דער ענטפער: טאַקי קיינער ניט און גאָרניט, אויסער דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס קאַלטער, שווערער ים רעטאָריק, וואָס וואָלט פערפאַלען געוואָרען פאַר דער מענשהייט, ווען ער וואָלט חס־ושלום אַ קוק געטהון לכתחילה מיט זיין קאַלטען, קריטישען קוק אויפ'ן הויך־פענסאַציאָנעלען פּלעווע־אינצידענט.

פונקטום.

VII

וועגן פארטיי־מענשען, אידישער פאליטיק, שרעקעדיגע רעוואלוציאנערען, פאליטישען שאבלאן און דעם רעכט צו פערגעסען.

איך האב ליב צו זיין אריגינעל: לעז איך דעם „אידישען סאציאליסט“, וואס ווערט פון קיינעם ניט געלעזען. אזא צייטשריפט!

רעוואלוציאנערער פון שלאסבערג׳ס „פארטשריט“, און ניט ווענינער לאנגווייליג פון דער „שיקאגאער ארבייטער וועלט“ און דעם ניו יארקער „אידישען פאלק“, להבדיל. א פארטיי־ארגאן, מיט איינעם ווארט.

לעז איך מיר דעם „אידישען סאציאליסט“, און דערווים זיך, אז אויף זייער צוזאמענפאהר וועלען די נייע, שטאלצע, נאך ניט־אמעריקאניזירטע — צום אונגליק — סאציאליסטישע אידען פון דער אידישער פעדעראציאן רעדען ווענען דער אידישער לאגע.

א פונקט אין דער טאגעס־ארדנונג, א בפירוש׳ער.

דעם אמת זאגענדיג, רעגט מיך י. סאלוצקי׳ס סאציאליסטישע פעדעראציאן שרעקליך אויף, ניט ווענינער פון׳ם עקעלהאפטען אמעריקאנעם גאסען־אידיש, גוי׳אישע אויסטערען, איינהארן׳ס לעצטען בעל־תפלה, ניטשע׳ס אנטיכריסט, ראלניק׳ס בטלניש־פעסימיסטישען האפיז, דאנקאן׳ס רעוואלוציאנערע דרשות, געפארבטע פאטאפראפישע קארטען און לעאניד אנדרעיעוו׳ס ליבע צום אידישען פאלק.

עפעס איז דאס ניט א פארטיי, נור א נאטוראליזאציאנס־ביורא, אן אילאוואר־באד. ווילט איהר פיינערען לשון: אן אקלימאטיזאציאנס־גארטען, וואס קולטיווירט אסימילאציאן אלא „מארגען־זשורנאל“.

הערען זיי אָבער: אַלע טומלען וועגן דעם אידישען חורבן, רוקען זיי אריין זייער קאָך־לעפעל־נאָז, האָבען אין זין דאָס אידישע פאָלק. פונקט אַכטער: די אידישע לאַגע.

דאָס געפעלט מיר ניט: צום אַכטען פונקט וועלען זיי גאָר ניט דערגעהן. זיי וועלען זיך פריהער אָנרעדען צום עקעל און הייזעריג ווערען, און די אָרימע אידישע לאַגע וועט בלייבען — ניט־אַרומגערעדט.

אפשר אָבגעבען איהר דעם אויבען־אָן, אָנהויבען מיט איהר?

פאָרט אַ אידישע פעדעראַציאָן, אַזוי צו זאָגען.

פאָרט ביטערע צייטען.

איבער אַ יאָהר וועט איהר ווייטער האָבען אַ כשר׳ע סאָציאַליסטישע טאַגעס־אָרדנונג, אָבער היינטיגס מאָל וועלען מיר אַ ביסעל צוזינדיגען.

דעמאָנסטרירען.

אַוועקשטעלען די אידישע לאַגע גאָר אין פראָנט: זאָלען אידען הנאה האָבען.

געהט עס?

לעז איך מיר ווייטער דעם „אידישען סאָציאַליסט" און דערגעה פון אַ לייט־אַרטיקעל, אַז פון סענטימענטען לאַבען זיי זיך אויס, אין אַ אידישען נאַציאָנאַלען קאָנגרעס לייקענען זיי לחלוטין, אָבער בעזונדער, אין געשלאָסענע פראָלעטאַרישע רייהען, געהען זיי קעמפען.

נאָך אַ מין געהן: מיט אַ קלאָרען קאָפּ, שטאַרקען ווילען און בעוואָפענט מיט׳ן „גאַנצען אַפּאַראַט פון זייער בעוועגונג". אַנדערש וועלען זיי דיר אַ טראָט ניט טהון, די נייע, שטאָלצע אידען פון פראָלעטאַרישער נאַציאָנאַליטעט!

סענטימענטען דאַרפען זיי אויף כפרות; יענע האָבען אַ מעכטיגערע אַמוניציאָן: דעם כח פון איינינקייט, די קראַפט פון פערלאַנגען, היינט זייער אָרגאַניזאַציאָנס־אַפּאַראַט.

ס׳פערשטעהט זיך: זיי איבערטרייבען אַ ביסעל. איי־

ניגקייט איז ניט קיין שלעכטע זאך, אָבער שריי היינט, שריי מאָרגען, בעוואָפנונג, אַפּאַראַט, בלייבען ליימענע גולם'ס — גולם'ס. מענשליכע פערלאַנגען האָבען יאָ אַ ווערט, אָבער ניט קיין גרויסען.

די טעאָרעטישע טעות'ן בין איך מוחל אונזערע אי־דישע אַמעריקאַנישע געניאָסען: שוואַכע טעאָרעטיקער. אַזאַ חזקה!

אָבער צו דער אַרבייט נעמען זיי זיך — אונגעלומ־פּערט, אָהן האַרץ און לעבען.

איך האָב אַ חשד, זיי ווילען נור טומלען, צוטומלען די כל־ישראל פּאָליטיקער.

ניט נור וועט זייער קאַמף קיין נוצען ניט ברענגען, עס קען זיין שעדליך.

ציטערדיגע נפשות.

האָבען מורא פאַר'ן רעוואָלוציאָנער־קלינגענדען וואָרט. נור ניט אויסגליטשען זיך. נור ניט געבראָכען דעם רע־וואָלוציאָנערען עמיקעט.

קיין איין פרייען ריהר.

אָלגין הייסט זיך היטען: נ י ט טהון, ניט זינדיגען. בעטען איז ערנידריגענד. נור פאָדערען! שתדלנות און דיפּלאָמאַטען — צו אַל־די־רוחות! קאַמף, בעוועגונג. רעדען מעג מען נור מיט ווילסאָנ'ען, די פעלקער, די אַמע־ריקאַנער אַרבייטער און דעם אינטערנאַציאָנאַל. מיט אַנ־דערע ניט. אין קיין פאַל ניט. אַ געפאַהר!

אַ האַנד אין קאַלט וואַסער ניט אַריינגעטהון און שוין וואָרענט דער „אידישער סאָציאַליסט" די יאַהודים, אויב זיי וועלען וואַגען זיך ערנידריגען, וועלען די נייע, שטאָלצע אידען אין רוסלאַנד זיי אייביג ניט מוחל זיין.

אַ גליק, וואָס יאַהודים לעזען ניט דעם „אידישען סאָציאַליסט". אַ־ניט, וואָלטען זיי זיך אַ טראַכט גע־טהון: אַ באַרבאַריש לאַנד, רוסלאַנד! זייערע אידען יעפּעס אויף פערדעכטיגע: הונגעריגע, אומריינע, פער־פרומטע. נייע אידען! הם—הם! אַזאַ סעקטע אודאי. עלילת דם איז אַ בלבול. זיכער. אַן אויסגעטראַכטע

זאך. אָבער מיט די נייע אידען בעסער ניט אָנהויבען זיך. זיי וועלען אייביג ניט מוחל זיין, וועלען עפּעס אָבטהון.. און אזוי טראַכטענדיג קענען די יאהודים מוחל זיין דעם כבוד און פון דעם גאַנצען עסק זיך אָבזאָגען.

א גליק, וואָס דער „אידישער סאָציאַליסט״ איז א ראַריטעט: האָבען מיר א האָפנונג, אַז יאהודים וועלען ניט וויסען וועגען די נייע שטאָלצע אידען, ניט שרעקען זיך פאר זייער צאָרן און אליין א רעד טהון מיט וויל־סאָנ׳ען.

ווילסאָן וויל אַליין טהון א טובה דעם גרויסען און אומגליקליכען אידישען פאָלק. האָט אכטונג פאר דער אי־דישער ביבעל און דעם ביבעל־פאָלק. איז א גערעכטער מענש און א דזשענטעלמען...

די אמעריקאַנער ארבייטער דרעהען א קאָפּ מיט אונ־זערע אידישע צרות, אַז זיי זאָלען ווילסאָנ׳ען אונטער־טרייבען, איז ניט נויטיג. א שווערע הלכה אויך! אמע־ריקאַנער ארבייטער מישען זיך ניט אַזוי שטאַרק, זענען וועניגער היסטעריש פון אונזערע אידישע גענאָסען. לאָזט זיי אָב!

ווילט איהר דוקא האַלטען דרשות, אָננעמען רעזאָלו־ציאָנען, קלייבען פּעטיציאָנען, ווי עס פאָדערט די רעוואָ־לוציאָנערע טאַקטיק — רעדט זיך געזונדערהייט, זאָל אייער פּאָליטיש געוויסען זיין ריין; אָבער לואיס מאַר־שאַל׳ן האָט אויך אין זין. ער וועט צוניץ קומען.

זאָל בעסער לואיס מארשאַל אריבערפאָהרען צום פּרע־זידענט, איידער שיפּליאַקאָוו פון די געווערקשאַפטען, אָדער דר. פרענק ראָזענבלאַט פון ארבייטער־רינג.

נאָך אַלעמען איז דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען א גרעסערער אידען־פריינד, ווי די גענעראַל־סעקרעטאַרען פון אַלע אונזערע אידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען.

אויך אַלגין איז א אידענפריינד, א וויכער מענש. ער פערזיכערט אַז זיין האַרץ בלוטעט פון די אידישע וואונ־

דען. איך גלויב איהם. ער האָט אָבער נארישע — פאַראורטיילען.

געהט האַפּערדיג, צו האַפּערדיג. און איך פיהר מיך אזוי:

איז די פאָדערשטע טיר אָפען — געהען מיר אריין גלייך. פערמאַכט — קלאַפּען מיר אָן. עפענען זיי ניט — קריכען מיר אויף אַלע פיער, דורכ'ן פענסטער. כבוד אָן אַ זייט! וואָס איז מיר פּאָעזיע און מאָראַל, ווען עס געהט אין לעבען.

פאָדערען וויל ער. איך געה בעטען.

וואָס שעמען מיר זיך צו זאָגען, אַז מיר זענען שוואַכע, ערנידריגטע? מיר מעגען אַלץ. האָבען אַ שוואַכע, הייזעריגע שטימע. קיין קראַפט אין די הענד און גאַנג.

שטאַרקערע פאָדערען. זיי דאַרפען גאָרניט פאָדערען אויך: טהוען נור אַ קוק מיט די געביטערישע אויגען — פאַלען זיי אין די הענד אריין לענדער, רייכטימער, פרויען. אַ י י ן הערשער־קוק!

מיר בעטען, זענען זיך משתדל.

מיר האָבען אַ רעכט צו פאָדערען, אָבער מיר זאָגען זיך אָב פון אונזער רעכט. ניט פראַקטיש.

מיר בעטען תחנונים. מיט געבעט און געוויין און שתדלנות פיהרט מען צומאַל אוים.

הערט, וואָס אייער אב. קאהאן דערצעהלט: און דער קרושניקער רב, אַן אַלטער מאַן, זעהענדיג, אַז מען פיהרט צוויי הונדערט אידען צו מיתה, איז אוועקגעגאַנגען צום קאָמאַנדיר, ז י ך ג ע ק נ י ה ט פאַר איהם און ג ע ב ע ט ע ן ר ח מ י ם: הענגט מיך און זאָלען אויסגעלעזט ווערען די לעבענס פון די אינגערע אידען. האָט דער קאָמאַנדיר לאַבענדיג אויסגעשריען: דיין בקשה געפעלט מיר.

דער קרושניקער רב איז געגאַנגען אויף קדוש השם: מציל געוועזן צוויי הונדערט אידען.

זיך געקניהט, זיך געבעטען און — אויסגעפיהרט.

און אַלגין האָט זיך איינגערעדט: נור פאַדערען. רעד־כענט זיך נאָך פאַר אַ פּראַקטישען פּאָליטיקער!

זיצענדיג אין אַ ניו־יאָרקער רעדאַקציאָן, פערגינט זיך אַלגין צו זיין איבער־רעוואָלוציאָנער: הייסט בפירוש ניט מורא האָבען צו רייצען דעם בער, דערצעהלען זיינע פער־ברעכען, זיין ניט־לאָיאַל.

אונפעראַנטוואָרטליכע, נארישע, פערברעכערישע רייד!

לאָיאַל זיין זענען מיר ניט מחויב, אָבער נור ניט — רעוואָלוציאָנער. רייצען זיך מיט'ן בער איז געפעהרליך.

איך זאָג: נור ניט גערייצט זיך מיט'ן בער!

אַלגין האָט ניט מורא פאַר דער רוסישער זעלבסט־הערשונג. מיר קען זי אויך גאָר ניט טהון; אָבער די מיליאָנען אידען אין רוסלאַנד זענען אין איין טויט־שרעק. טהוט זיך דער בער אַ ריהר, זענען זיי פערפאַלען.

וואָס וויל אַלגין: ווידער שמירען מיט אידישען בלוט די פוילע רעדער פון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָן? אין הארצען מעגען מיר זיך ווינשען אַל־דאָס־גוטס דעם רעוואָ־לוציאָנערען רוסלאַנד, אָבער אידישע אָפּפער שוין גענוג געבראַכט.

איבער־גענוג!

ניט גערייצט דעם שטאַרקען, אונגעלומפּערטען, בלוט־דורשטיגען בער. אָן אַ זייט!

מיר האָבען מורא. קיין שאַנדע ניט. שוואַכע לע־מעלעך!

אַלגין הייסט דערצעהלען די פערברעכען, און אָנרופען די רשעים.

צו וואָס?

פון רעדען ווערט גרינגער. אָבער נעה עפען דאָס מויל, אז מיר זענען אין זייערע הענד. בעסער שווייגען, בעסער איבערוואַרטען!

די פערברעכער וועלען אפשר בעשטראָפט ווערען. אפשר תשובה טהון. און וועלען זיי זיך ארויסדרעהען פון יעדער שטראָף, מוזען מיר עס אויך פאַר ליב נעמען.

מיר זענען אונמעכטיגע.

און אב. קאהאן איז ניט פארזיכטיג.

קאהאן איז אן עמפפינדליכער, סענטימענטאלער מענש און האט ניט קיין אויגען, זעהט ניט, פערשטעהט ניט, וואס ער טהוט.

דערצעהלט זאכען, וואס דארפען פערשוויגען ווערען.

שרייבט אין א פאלשען טאן.

שטעכט אריין א מעסער אינ'ם רוקען פון די אפפער, האבענדיג די בעסטע אבזיכטען. און די אלגינס, די גאלד־פארבס האבען ניט קיין מוט צו רעדאגירען זייער רע־דאקטאר'ס בלוטיגע קארסעפאנדענצען, ארויפלעגען זייער וועטא אויף זיי.

איז דען ניט אונזער פליכט לאזען צו־רוהה די געפיי־ניגטע מיידלעך! שכנים, לאנדסלייט בעהאלטען די נע־מען פון די אונגליקליכע; אב. קאהאן ענטפלעקט זיי. יענע זאגען: א הייליגער סוד. ער זאלצט צו מיט מיי־דעלשער שאנדע די געשמאקלאזע, טרוקענע רעפארטער־ארבייט.

פייניגט געפייניגטע.

פרעגט ניט: אפשר האבען די אונגליקליכע קרובים, בעקאנטע?

א פוילישער יונגערמאן האט געזעהן אלץ, וויים אלץ און בלייבט טריי זיין כלה: האט פערגעסע.

לאמיר טהון אלע, ווי דער דאזיגער.

די געשענדעטע אידישע מיידלעך און פרויען זענען אדער אונגליקליכע אדער מארטירערינס. אנגעבויגען דעם קאפ אין טרויער און פערמאכט דאס מויל, אין צאם גע־האלטען די אומריינע פאנטאזיע!

ניט גערענקען, ניט דערצעהלען, נור פ ע ר ג ע ס ע ן!

ניט רייצען זיך, נור שטיל זיין.

ווי קליינע קינדער אין א פינסטערען צימער.

ווי בלינדע.

איך מעג זיין שוואך.

איך מ ע ג פערגעסען.

ו ו י ל פערגעסען.

VIII

פראַזען. מילל׳ס דילעמאַ. קהלת, דער שטאָלצער וואָך־מאַן און די ניט־שטאָלצע אידען. אַלטע דרכים און אַ נייע טאַקטיק. צביון׳ס וידוי. נאָך אַ מאָל רוסלאַנד און אַביסעל מעטאַפיזיק. אַ פּאָר פערזען און טיף־פערזענליכע ענטפלעקונגען.

פראַזען, שעדליכע פראַזען.

אָבער דו קענסט גאָר ניט טהון. ביסט כמעט אַליין און געגען דיר — אַלע.

דערצו זענען די פראַזען פאַרביגע, דראַמאַטישע. אַ ביליגער, אַלעמען־צוגענגליכער ספּעקטאַקעל, און מענשען ווילען אַמוזירען זיך.

דאָך פּרואווסטו זיך אויסרעדען דיין וואָרט.

אַ פראַזע: ערגער פון ערגער קען ניט זיין. פּראָטעס־טירט, ברידערלעך, עפּענט דאָס מויל און זאָלען הימעל און ערד הערען.

ליגענס!

ניט דער הימעל און ניט די ערד וועלען זיך ריהרען פון אָרט. אונזער קול וועט ניט דערגעהן צו זיי.

איהר ווייסט ניט, וואָס קען זיין ערגער פון ערגער.

איך וויים: ערגער פון ערגער איז דאָס ע ר ג ס ט ע.

אַ „פיהרער"־פּובליציסט פערגינט זיך צו זאָגען, אַז אונזערע אונטערדריקער האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דער מלחמה צו פערטיליגען די אידען פון קליין ביז גרויס, זקנים, פרויען און קינדער.

דאָס איז מליצה: מיר זענען נאָך ניט פערטיליגט. דערווייל נאָך.

דאָס ע ר ג ס ט ע איז נאָך ניט געשעהן, גאָט זיי דאנק! זיי האָבען אונז ניט פערטיליגט, אָבער זיי קע־נען אונז פערטיליגען אַלע, פון קליין ביז גרויס.

יאָ, אָדער ניין?
ניט גע'חקירה'ט, נור געענטפּערט איינפאַך.

זיי קענען! טו פאַרוואָס שרעקט איהר זיך ניט, זייט אַזוי מוטיג, אַזוי אָפּענהערציג, אַזוי רעוואָלו־ציאָנער, אַזוי אונדיפּלאָמאַטיש?

ווי שעמט זיך דר. הורוויטש ניט צו זאָגען אינ'ם נאָ־מען פון כלל ישראל, פון רוסישע אידען, אַז זיי האָבען ניט וואָס צו פערלירען?

מיר דוכט זיך אָפּט, אַז איך האָב ניט וואָס צו פערלירען. אָבער איך בין אָבהענדיג, פּאַטאַליסטיש און מרה־שחורה'דיג. הייסט דאָס ניט, אַז דאָס פאָלק ישראל איז פערלאָרען.

איז דאָס לעבענס־דורשטיגסטע פון אַלע פעלקער אין דער וועלט.

פול מיט סטיכישען, אונמענשליכען, כמעט אונאַנ־שטענדיגען לעבענס־אַפּעטיט.

דר. הורוויטש דערצעהלט די ניו־יאָרקער קהלה־דעלע־גאַטען, אַז רוסישע אידען איז ביטער און פינסטער. אמת, אַ טרויעריגער אמת. אָבער, זאָגט ער, אַז ביטערער און פינסטערער קען ניט זיין, איז דאָס פראַזע. די שעדליכע, שרייערישע, דראַמאַטישע פראַזע.

ניין! זיי האָבען נאָך ניט אויסגעטרונקען ביז'ן סוף דעם כוס פון ביטערנישען און ניט אַלע איהרע מלאכי חבלה האָט די בייזע השגחה אַרויסגעלאָזט אויף זיי.

פינסטערער און ביטערער קען ווערען.

היט זיך, אידישע רעוואָלוציאָנערען, צייטונגס־שריי־בער און פאָלקס־פערזאָרגער!

מיר ציטערען, לעבען אין איין ציטערניש. דאָס איז אונזער היסטאָרישער שיקזאַל.

איז ניט בעסער דער טויט? — אפשר. אַ געשמאַק־זאַך.

זאָגט דזשאָן סטואַרט מיל, אַז בעסער צו זיין אַן אונ־צופרידענער מענש, איידער אַ זאַטער, צופרידענער חזיר.

מיל איז זיכער. איך בין ניט זיכער.

א חזיר זיין ווילט זיך ניט: אַן אומריינע, פון גאָט און מענשען שטאַרק בעליידיגטע חיה. דערצו נאָך אַ זאַטער, צופרידענער עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיגער אָן־און־פאַר־זיך גאַנץ צופרידענער ראַסע, מוז זיין זעהר ניט קיין אַנגענעהם בעשעפעניש. אָבער זיין אונצופרידען, האָבען טענות צו דער וועלט, מאָנען, קלאָגען זיך איז נאָך אַ נידריגערע מדרגה.

מ׳זאָל מיר געבען אויסקלייבען, וואָלט איך לייכט ארויסגעקראָכען פון מיל׳ס דילעמאַ. כ׳וואָלט נאַאיוו געזאָגט: כ׳וויל זיין אַ צופרידענער — מענש.

ניט קלוג? האַ? אַ ביסעל באַנאַל, אונערוואַרטעט באַנאַל, אָבער קלוג.

מיר געפעלען די טיף־פּעסימיסטישע ווערטער פונ׳ם פּעסימיסטישסטען פון אַלע הייליגע כתבים: בעסער זיין אַ לעבעדיגער הונד, ווי אַ טויטער לייב.

זיין אַ לייב איז דאָס העכסטע. אָבער וואָס איז דאָס העכסטע אינ׳ם אָנגעזיכט פון טויט? פון זיין קאַלטען, אַלץ־צושטערענדען הויך ווערט פּערגליווערט מיין אָרים, נאַריש האַרץ.

בעסער זיין אַ לעבעדיגער הונד! קענסט בילען אויף דער לבנה, וואַרימען זיך אינ׳ם שיין פון זון, לעקען דעם בעל־הבית׳ס האַנד און חלום׳ען, אַז אייגענטליך ביסטו אַ פער׳כשופ׳טער לייב און האָסט אַ וואונדערבאַרע שליחות צו ערפילען אויף דער וועלט.

דער „וואַך־מאַן" פון דער „פרייער אַרבייטער שטימע" וויל בעסער דעם טויט איידער דאָס אייביגע ציטערען. אָבער די מיליאָנען רוסישע אידען זענען ניט אַזוי שטאָלץ, ווי ער, ניט אַזוי רעוואָלוציאָנער, ווי ער.

האָבען אַן אַנדער געשמאַק.

זענען מוחל דעם כבוד, אַבי ווי־ניט־איז אויסלעבען די פון גאָט געשענקטע יאָהרען.

גערעכט איז דער וואַך־מאַן און גערעכט זענען אויך די פּשוט׳ע אידען.

אַ געשמאַק־זאַך.

היצט זיך דעריבער ניט, מיינע הערדען. זעהט, איהר זאָלט ניט זיין ווי דער גוטער בער פון דער פּאַבעל, וואָס איז געפעהרליכער פון דעם ערגסטען שונא. טהון ווילט איהר אייערע ברידער טובות, ווי דער דאָזיגער ניט־זעהר פלינקער בער, און אַרויסקומען קען אַ גרויסע, גרויסע רעה.

ס'אַרא נאַאיוועהר מענש, אונזער יצחק אייזיק: ער פרעגט גאַנץ ערנסט, גאַנץ פּאַטעטיש: וואָס קען די רוסישע רעגירונג נאָך טהון? וועט זי נאָך מ ע ה ר אידיש בלוט פערגיסען, נאָך מעהר אַלטע אידען הענגען און אידישע טעכטער פערגוואַלטיגען?

ענטפער איך: נאָך מעהר.

וועט טהאָן דאָס און נאָך ערגערס: דאָס מענשליכע הארץ האָט הנאה פון בייזעס. דער מענש איז גאָר ניט אַזאַ שטילע, כשר'ע בהמה'לע, ווי זשאַן זשאַק רוסאָ און די סאָציאַליסטישע הומאַניסטען מיינען. דערצו האָבען די אונטערדריקער אינטערעסען, פּאַראורטיילען, שלעכטע טראַדיציאָנען.

גיבען זיי אַ מאַך מיט דער האַנד און דאָס בלוטיגע טרויער־שפּיל הויבט זיך אָן אויפ'ס ניי. אונז איז דער ספּעקטאַקעל צום עקעל און שרעק. זיי געפעלט.

איבריגענס קיצלען אפילו אונז די אַלט־בעקאַנטע, גרויזאַמע געשיכטען.

זיי פרעגען ניט, וואָס מיר זאָגען אויפ'ן ספּעקטאַקעל. ז י י לוינט — אינסצענירען זיי ווידער און ווידער דאָס שרעקליך־בלוטיגע טעאַטער־שטיק. זיי אַמוזירען זיך. זיי דאַרפען עס.

טו ווי זאָלען מיר ניט שרעקען זיך, ניט היטען זיך דער שטן זאָל ניט האָבען קיין פּתחון־פה?

אונז איז שווער, טרויערען מיר — אויפ'ן אַלטען אידישען שטייגער, און קיינער קען אויף אונז ניט פאַראיבעל האָבען. אָבער פייפען, גוואַלדעווען, דעמאָנסטרירען לויט'ן רעצעפּט פון די נייע, רעוואָלוציאָנערע אידען, איז אַ משוגעת.

שטעלען מצבות די געהאנגענע און געפאלענע, פער־שרייבען זייערע כשר'ע נעמען אינ'ם פנקס, אבריכטען א תענית זיי צום גוטען אנדענקען — דאס אלץ מעג מען.

גוטער סטיל.

קען ניט שאדען די לעבעדיגע... א בראך — קרעכצען מיר, נפטרים — טהוען מיר זיי זייער רעכט. אבער ווער איז שולדיג אין אונזער בראך — ווייסען מיר ניט, מאכען זיך ניט וויסענדיג. אפשר די משרתים פון דער רעאקציאן, ווי דער סאציאליסטישער דעפוטאט טשכע־אידזע זאגט, אפשר די פוילישע מוסרים, אפשר אונזער בייזער מזל, אפשר א שטראף פון הימעל.

מיר זענען פשוט'ע אידען, ניט־קיין־געלערנטע. א בראך — קלאגען מיר, אבער פאליטיק איז ניט אונזער זאך; צום געריכט פון דער ציוויליזירטער וועלט שלעפען מיר קיינעם ניט; פראגמאטישע געשיכטע שרייבען מיר ניט.

דער שטן געהט ארום, האט לאנגע אויערען, זוכט חטאים; טארען מיר איהם קיין פתחון־פה ניט געבען.

אבער אונזערע צייטונגס־לייט שרעקען זיך ניט פאר'ן שטן: זיי גיסען פעך און שוועבעל.

שרייען: נעמען!

רעכענען זיך אב מיט אונזערע שונאים. זייער מויל! זייער פעדער!

האט זיך צביון געכאפט: זיי זענען פערגאנגען צו ווייט. שטעהט ער און פרעגט גענעצענדיג: אפשר א טראכט טהון, אז דאס, וואס מיר טהוען הא, זאל זיך ניט אברופען צום שלעכטען אויף די רוסישע אידען?

טראכטען איז ניטא וואס: טהוט עפעס, קאלעגע. די זאך איז אונגעוועהנליך קלאר.

אונזער פרעסע העצט סיסטעמאטיש.

איז אונענדליך לייכטזיניג.

קריכט אויף אלע פיער פאר'ן צייטונגס־לעזענדען, פערשלאפענעם און געלאנגווייל'טען המון.

אונזערע צייטונגס־לייט זענען גרייט אויף אלץ; הא־

בען קיין בושה ניט, קיין ווילען ניט, קיין צורה ניט.
צירקוס־אַקראָבאַטען.
גאַסעניוננגען.

דאָס העכסטע געזעץ: דער קאַפּריז פון׳ם געעהרטען פּובליקום.

אַ רחמנות אויף די מענשען; אַן אומריינע פּראָפעסיאָן. זיי האָבען זיך אָבער איינגעשפּאַנט אין יאָך מיט פרייד, מיט ליידענשאַפט.

דער קאָלעקטיווער משה נעמט זיך ביליגע נקמה פון׳ם קאַצאַפּען־לאַנד; האָבען זיך זיינע שרייב־לאָקייען גענו־מען צו רוסלאַנד. שיטען צייטונגס־פעך און פּאַפּירען־שוועבעל, וואָס קען ווערען געפעהרליך, עקספּלאָדירען.

זעהר מעגליך, אַז די רוסישע רעגירונגס־אַגענטען זיצען זיך אין ניו־יאָרק און שיכור׳ען, זיצען און פוילען זיך, זיצען און וויסען ניט, וואָס עס טהוט זיך אָב אין אונזער פּרעסע די לעצטע פּאָר מאָנאַטען. אָבער מעגליך, אַז זיי זיצען און פערשרייבען אַלעס גאַנץ רוהיגלעך, און די רוסי־שע אידען וועט מען דערמאָנען אַלץ שפּעטער.

מילא — וואָס געשעהן, איז שוין געשעהן, אָבער נאָך איז צייט חרטה צו האָבען, ווערען רוהיגער.

האָבען זיי פיינדשאַפט אין הארצען, זאָלען זיי דער־שטיקען זי.

יעדע פיינדשאַפט איז אַ נאַרישקייט: עפּעס טעמפּעס, איינגע׳עקשנ׳טעס. מענשליך איז פערצייהען, פער־שטעהן.

אונזער פיינדשאַפט צו רוסלאַנד איז אַ געפעהרליכע נאַרישקייט. שלעכטע פּאָליטיק. מיאוס׳ער אינסטינקט.

קענט איהר ניט דערשטיקען אייער ליידענשאַפטליכען האַס צום באַרבאַרישען לאַנד, בעהאַלט איהם, פערטרייבט איהם ערגעץ אין אַ ווינקעל פון׳ם בייזען הארץ. לערנט אייער פיינדשאַפט חכמה.

ניט צוליב זיך, נור צוליב די אַלטע, פרויען, קינדער— די געהאַנגענע, פערגוואַלטיגטע, וועלכע איהר בעקלאָגט אַזוי פערדעכטיג־הארציג.

ניט אין אייערע אינטערעסען, נור אין די אינטערעסען פון די פּראונגליקטע ברידער, וועלכע איהר האָט עפּעס אזוי פערדעכטיג־ליידענשאַפטליך ליב.

ס׳איז שווער; כ׳פערשטעה. שנאה וויל רעדען, אָבער איהר טהוט זיך אָן אַ כח, פערבייסט די צונג; דער שטן געהט אַרום.

מיר איז לייכט אזוי צו רעדען; צביון האָט אָבער ספקות. איך זאָג, וואָס מיין הארץ הייסט. ער ווייסט אָבער ניט, ווי ער זאָל זיך בעציהען צו יענעם לאַנד.

א י ך האָב צו רוסלאַנד קיינע בעציהונגען ניט; בעציהונגען האָט אַ זייטיגער; איך בין ניט קיין זייטיגער.

איך בין ניט דרויסען, נור אינוועניג, ניט אַן אָבשאַצער, נור דאָס ווערק אַליין. ניט פּראָ־רוסיש, נור — רוסיש. בלייב רוסיש, וואָס זי, די בייזע שטיפמוטער, זאָל ניט טהון מיט מיר, מיט מיינע — און איהרע קינדער.

די אונמענשליך־בייזע שטיפמוטער.

אָבער זאָל איך איהר שעלטען און פערלייקענען, וועט מיין פלייש זאָגען עדות געגען מיר.

איך בין ניט אַ גאַסט אויף אַ ווילע, נור אַ היימישער, ניט אַ שכן, נור בעל־הבית, ניט צושויער, נור העלד פון דער טרויעריגער געשיכטע.

טרייבט זי מיך אַרויס פון שטוב, לויף איך וויט־וויט און מיט׳ן הארצען, לייב און גייסט בין איך אַלץ דאָרט, מיט זיי, מיט זיי.

אַ רוסישער.

אַ פער׳כשופ׳טער פונ׳ם געהיימניספולען צויבער פון איהרע גרויסע, מידע אויגען, די אונגעלומפּערטע פויערשע ברוסטען, דעם אונענדליך־טרויעריגען פּנים און איהרע נאַרישע, שכור׳ע רייד.

וואָס זאָל איך פאָדערען פון איהר? האָב קיין רעכט ניט. האָב מורא. טרייסט איך זיך: זי וועט בעסער ווערען. זי שטראָפט; אָבער איינגעמידט ווערט אויך די האַנד, וועלכע שטראָפט.

אזוי זאָגט דער גרויסער דיכטער לייוויק האַלפּער.

אַזאַ יונגער מענש און ווייס אַזעלכע וואונדערבאַרע זאַכען.

זאָגט: מיר זענען בלינדע מיט אָפענע אויגען.

זאָל ער דאָס מיינען נור זיי, די געפאַנגענע אין די וועגען סיבירער? ניין, דאָס מיינט ער אונז אַלע, די מידע געפאַנגענע פונ׳ם שווערען לעבענס־וועג.

אַ סימוואָל.

אַ טרייסט.

איינגעמידט ווערט אויף די האַנד, וועלכע שטראָפט.

ווי שעהן, אָבער דער עיקר — ווי אמת׳דיג. און נאָך זאָגט דער יונגער גרויסער דיכטער:

„גיט מען אונז רוה,
ליגט מען זיך שטיל,
ליגט מען זיך שטיל אויף דער ערד און מען שלאָפט.“

ווי קלוג, ווי טיף, ווי קריסטליך!

יאַ, יאַ.

איך ליג און שלאָף און חלום, אַז איך בין אַ פּער־כשופ׳טער לייב, אַ קראַנקער אין בעט, און איבער מיר האָט זיך איינגעבויגען עפּעס אַ געשטאַלט: אַ הויכע, מיט איינגעפאַלענע יונגפרוי־ברוסטען, דינע פינגער, קושט מיך לייכט, זאָגט גאָר שטיל, ניט צום הערען: גאָט איז גנעדיג. שלאָף!

IX

שבועות־מאַטיוועז : תורה, יריעות, דער באַרג סיני. מ. ראָ־זענפעלד און זיין אַנטאַגאָניסט, מ. ל. האַלפערן. אונזער מיסיאָן און פריוואַט־לעבען. מנחם׳ס פרומער וואונש. די קלויז־לעגענדע. פאָטערס און קינדער, אַמאָל און היינט. אונזער אומגליק. פונקטואַציאָן און אומעט. דער אָרימער פרץ. די לעגענדאַרישע י ו נ ג ע און וועגען פערגעסענע זאַכען. אַן איבערגעריסענער שמועס מיט אַ פרומער וועס־טאַלין, וואָס היט דעם הייליגען פייער פון רעוואָלוציאָן.

איך וויים שוין פון לאַנג, אז מ. ראָזענפעלד איז אַ בדחן, אַ פיטן, וואונדער איך זיך ניט, וואָס ער צוזינגט זיך לכבוד שבועות :

ניט רוצח׳ע און ניט נואף — פיין
זאָלסטו און אַנשטענדיג מיר זיין.

דאָס מוסר׳ט דער אַלמעכטיגער זיין פאָלק ישראל. אַ פיינער וואָדעוויל געשפּרעך פון אַן עלטערער אידישער דאַמע מיט איהר יונגינקען, פערשייטען בעל־הבית׳על.

לכבוד שבועות גיט זיך דער נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרי־שער דיכטער אַזאַ מין זאָג : אַן אייביגען פאָלק האָט דער סיני געבאָרען, אַן אייביגען גלויבען, אַן אייביגען גאָט.

נבול־פה !

אַ מענש איז ניט קיין קלענערער אַפּיקורס פון אונ־זער ב. פייגענבוים און זייער ראָבערט אינגערסאָל. טו צו וואָס רעדט ער וועגען געטליכע זאַכען און אייביגען גלויבען ?

האָט דאָך שוין דר. ח. זשיטלאָווסקי, אינ׳ם לויף פון זיין אַפּאָסטאָלישער קאַריערע בעוויזען אַזוי אָפט און, דוכט זיך, אַזוי איבערצייגענד, דאָס, וואָס ער בעווייזט, דאָס טויזענד ־ און ־ ערשטע מאָל די טעג מיט׳ן

אַלטען ברען און אונפּעהלבאַרער לאָגיק, אַז מיר אידען זענען אַ וועלטליכע נאַציאָן, ווי אַלע אַנדערע און ניט קיין רעליגיעזע — מעג דאָך דער נאַציאָנאַלער דיכטער אַהן גלויבען אין הארצען לאָזען צורוה דעם פונצופיעל־רייד־פּראָפּאַנירטען הייליגען בארג סיני און דעם, אגב, מיר־גאָר־ניט־סימפּאַטישען אייביגען גאָט־יעהאָווא, ניט ריזיקירענדיג מיט זיין נאַציאָנאַלער־קלאַסיקער־רעפּוטאַציאָן.

האָט דאָך ערשט ניט לאַנג אויף אַ גרויסער אידישנאַציאָנאַלער פּראָטעסט־פערזאַמלונג דער גרויסער אידישער כלל־טהוער מיט'ן אונענדליך־לאַנגען נאָמען, שלעבטען אידישען אַקצענט און אַ גאַנץ פיינער האָזע אַסימילאַציאָנס־אויפקלערונגס האַניג אויף די ליפּען ערקלערט פייערליך אין הסכם מיט דער נור וואָס דערמאָנטער שטה, פון וועלכער א י ך האַלט נ י ט, אַז ער האָט גאָר ניט צו טהון מיט'ן רבונו של עולם און וויל מיט איהם ניט צו טהון האָבען. אַפּלאָדיסמענטען. אַלע האָבען הנאה. מיט'ן אייביגען גלויבען, וואָס דער בארג סיני האָט געבאָרען, האַלט עס ניט אַזוי יום־טוב'דיג.

נור געה האָב טענות צום געקרוינטען קלאַסיקער, אַז די אינגערע, נאָך ניט געקרוינטע שניידען זיך אויף דעמזעלבען וועג: פערגלאָצען די אויגען, מאַכען הויות און פערבויגען זיך גאַנץ צירליך־מאַנירליך פאַר די וואַקסענע בארג־סיני־סטערעאָטיפּען.

איז טאַקי לכבוד מתן־תורה נכשל געוואָרען מ. ל. האַלפּערן.

דער דאָזיגער יונגער געצען־צושטערער האָט ליב אַ שטיקעל פּיוט ניט ווייניגער פון'ם עלטערען דיכטער — מ. ראָזענפעלד.

טהוט זיך לכבוד שבועות מ. ל. האַלפּערן אַ פליה צו זיך אין שטעדטעל אין דער אַלטער שוהל אריין און זעהט פערברענטע פּרוכת'ען, צופליקטע תורות, פערבלוטיגטע פאַרמעטס — אַלץ דברים שבקדושה, וועלכע איהר קענט טאַקי זעהן נור אינ'ם „פינטעלע איד", אָדער אַן

אנדערען הארצרייסענדען עבט־אידישען שטיק. זעהענדיג אזעלכעס, נעמט זיך דער יונגער דיכטער לייענען די געבאָטען, וועלכע ער האָט טאַקי אויפ'ן אָרט צוטראָטען — צוליב'ן גראָם, ווערט שרעקליך געריהרט פון טויזענד־יעהריגע אידישע לײדען, וואָס מאַרשירען פאַרביי זיין פעלדהער־פּאָעטישען אויג און שיער וואָס ער צעוויינט זיך ניט. אָבער דאָס איז אַלץ גאָר נישט אין פערגלייך מיט דער זעלטזאַמער בעגעגניש זיינער מיט אַן איינזאַמען מענשען, וואָס זעהט אוים גאַנץ יונג און איז אַלט אַ פּאָר טויזענד יאָהר, האָט אַן איינגעבויגענעם רוקען און אויגען וואונדערבאַרע, וואָס קוקען שוין טויזענדער יאָהרען אין פערבלוטיגטע פאַרמעטס אַריין.

גלויבט איהר דאָך מיר ניט, טו נעהמט אַ שבועות־דיגען „טאָג“ און לעזט און וואונדערט זיך.

סוף דבר: פערשעמט און צונומען פון דעם שרעקליכען, אין בלוטיגען־פּאַרמעט־פערטוענעם קוק, שווערט מ. ל. האַלפּערן, אָדער ריכטיגער געזאָגט, געברויכענדיג טאַקי דאָס כאַראַקטעריסטישע וואָרט, מיט וועלכען ער האָט ניט לאַנג אָבגעשטעמפּעלט מ. ראָזענפעלד'ס דיכטונג, לאָזט ער אַרויס אינ'ם נאָמען פון אַלע קומענדיגע דורות אידען אַזאַ געגראַמטען מאַניפעסט־פּראָטעסט־געשריי:

מעגען אונז די פעלקער שלאָגען —
ווי דער הימעל זיינע שטערען,
וועלען מיר די תורות טראָגען
דורך דער וועלט.

ניט איין תורה הקדושה, נור גאַנצע פעק תורות. זיי, הייסט עס, שלאָגען און מיר שלעפּען די שווערע לאַסט, ווי דער הימעל זיינע שטערען, און ווערען גאָרניט מיד שלעפּענדיג און קלעפּ כאַפּענדיג,

ביז גאַנץ פערשווינדען
וועט דער לעצטער מענש דער בייזער

און מיט איהם — טרעפט ווער? — דער לעצטער ק י י־ ז ע ר.

נו, זאָגט, שרייבט מ. ל. האַלפּערן ערגער פון מ. ווינטשעווסקי'ן, ד. ערעלשטאַדט'ן, מ. ראָזענפעלד'ן, א. ליעסין'ען?

וואָס איז שייך די היסטאָרישע האַלפּערן־רעוואָלוציאָן גופא, מוז איך ערקלערען גאַנץ אָפענהערציג, אַז איך ווייס ניט, צי ס'איז אַ יושר פאָדערען פון אונז, אַז מיר זאָלען זיין אַזוי רוהיג און פילאָסאָפיש־סטאָאיש, ווי דער גע־שטערענטער הימעל: יענער האָט ניט נערוועז און פלייש און קיין אידישע צרות, איז איהם, דעם הימעל, גוט. אָבער אונז איז זעהר ניט גוט. ביטער צום משוגע ווערען.

אפשר מוחל זיין די גרויסע מיסיאָן?

מיר ווייסען דאָך פון'ם סוד: ניט די וועלט דאַרף אונזער אַלטע תורה און די נייע תורות, חכמות אונזערע און ניט מיר האָבען עפּעס אין רענצעל: אויסגעלעדיגטע, נאַקעטע בעטלער זענען מיר און אונזער מאַרטיראָלאָג איז אפילו אַ פּאַרם ניט, נור עפּעס דער־רוח־ווייס־וואָס.

אפשר טאַקי אַראָבשפּרינגען פון דער פון אונזער בלוט פּעע'ריש בעלייכטעטער סצענע און זיך נעמען לעבען אַ שטיל, אַנשטענדיג, פּראָזאַאיש לעבען פון פערעלטערטע, אַמאָל וועלט־בעריהמטע טעאַטער־שטערען?

לאָזען ז י י ניט.

זיצען מיר אינ'ם פון־אונז־אַליין־פערשאָלטענעם גע־טאָ, תאוה'דיג לעבצענדיג נאָך גלייכע רעכט און גוי'אישע דיפּלאָמען־חכמה און לויפען אין שווערע צייטען אין דער פון־שכינה־פערלאָזענער שוהל אריין ווי — דער וויכער מנחם.

ניין. ער לויפט ניט. ניט אַזוי אַקטיוו, ווי קאָלעגע מ. ל. האַלפּערן. יענער פליהט, מנחם זיצט זיך געמיט־ליך — אַ געמיטס־מענש! — און טראַכט, ווי גוט וואָלט דאָס געווען ער זאָל קומען דעם פאָטער צו חלום און יענער זאָל אין קלויז לויפען, די וואַנד בעטען צו בעשיצען איהם און זיין נשמה.

מנחם האָט שוין אַזאַ מזל: שטענדיג האָט ער אַזעלכע שווערע, כפול־שמונה'דיגע, אוננויטיגע געדאַנקען. נו,

וואָס דאַרף ער דעם פּאַטער מטריח זיין? וועט יענער לויפֿען, קלאָגען, קריעה רייסען, דעם זוהן'ס נשמה וועט דעם פּאַטער'ס מיהען־זיך ניט מתקן זיין. בעשיצען דיין נשמה קענסטו נור אַליין און קיינער אויסער דיר. און שטום זענען אַלע וועגד — אפילו פונ'ם קלויז — שטיין און ביין!

אונזערע קלויז־פּיטנים, די אַלע מנחם'ס, איינהאָרן'ס, י. י. שוואַרץ'ס זענען ניט גוזר קיין תענתים, זיצען ניט טאָג און נאַכט איבער גמרא און מדרש, שיידען זיך ניט אָב פון דער נאַרישער, פּערנאַרישענדער וועלט, ברעכען ניט דעם יצר־הרע און ניט דעם לעבענס־שטייגער זייערען — זיי ווילען בעשיצט און ערלעזט ווערען איינס־און־צוויי טהוענדיג אַ טונק זיך פון צייט צו צייט אין די אומריינע וואַסערלעך פון דער קלויז־מליצה און בית־מדרש לעגענדע..

געגוג געשפּילט זיך מיט'ן בת־המדרש.

אָדער מיר זענען היינטיגע, אייראָפּעער — טו ניט געגאַרט זיך: פונ'ם גן־עדן זענען מיר פּערטריבען און ניט געלעשט וועט קיינמאָל אונזער דורשט ווערען. אָדער — אינ'ם קלויז אַריין, אינ'ם בית־המדרש אויף אַן אמת, מיט די פּיס, הענד, קאָפּ און האַרץ, און ניט נור מיט'ן מויל אין מינוטען פון פּאַטעטישער ערהאָלונג אָדער מע־דיטאַציאָן וועגען די שיקזאַלען פונ'ם אידישען פאָלק.

נור וואָס איז דאָ צו רעדען? אפשר וועגען טויטע בעסער צו שווייגען: אַמאָל געוועז אַ גרויסע, פעסטע, זעלבסט־פּערשטענדליכע אידישע וועלט, און איצט — רואינען. פון דער אייביגער, דוכט זיך, פעסטונג איז געוואָרען אַ שלעכטער ריטם, לעגענדען־מאַטעריאַל.

זיצען טאַטעס — דערצעהלט י. אָפּאַטאָשו — אין פּוילישע שטעדטלעך און שמועסען וועגען דעם קאָצקער, דעם גערער און די זיהן שפּאַצירען אַרום און רעדען מיט דעמזעלבען ברען פון — פּרץ'ן, אַש'ן.

אינ'ם דאָזיגען נאַטור־בילד, אינ'ם געגענזאַץ פון פּאַ־טערס און זיהן, וואָס ווערט געמאָלט אַזוי נאַאיוו, אָהן

טרויער, אָהן בושה, איז בעהאַלטען דאָס גרויסע פּראָ־
בלעם, ד אָ ס פּראָבלעם פון אונזער כלומר׳שט־לעבען.

דער קאַצקער און — י. ל. פּרץ.

אמת׳ער גלויבען און — ליטעראַטור.

געטליכע רעליגיאָן און — פאָלקסטימליכע געשיכטען.

מיר זענען געפאַלען אונענדליך און האָבען ניט קיין בעוואוסטזיין פונ׳ם געשעהענעם אומגליק.

אונזער גרעסטער אומגליק: אָבגעטהון האָט זיך די שכינה פונ׳ם בית־המדרש — אונזער קאַפּיטאָליום און פון דעם חסידישען שטיבעל — אונזער הויז פון פרייד; פערשעמט האָט זיך דער שטרענגער בית־המדרש און דאָס פערשייטע שטיבעל פאַר דער גרויסער וועלט דרויסען, דער מאָדערנער וויסענשאַפט, די נאַטור־געזעצען, פּאַרטיי פּראָגראַמען און אייזערנע פאַקטען, וועלכע מיין הארציגער, טויזענד מאָל פון מיר טאַלענטפולערער קאָלעגע משה נאַדיר לאַכט אויס אַזוי ריהרענד און איבערצייגענד.

יאָ, אַמאָל איז דער בית־מדרש־איד געוועזען דער זיכע־רער בעל־הבית פון אונזער לעבען. איצט איז אונזער גאָרטען — אַ רשות הרבים אַ פערלאָזענער אָהנ׳ם פער־דאגה׳טען בעל־הבית־אויג.

אַמאָל האָט געקיניגט דאָס הייליגע וואָרט, היינט — דאָס וואָרט; אַמאָל דער גוטער איד, איצט — דער גו־טער... שרייבער, דער העלד פון אַ שפּאָגעל־נייער לעגענדע.

לעגענדאַריש־גרוים איז געוואָרען דער קליינער, נע־בעכדיגער ריטער פון דער פעדער, אפילו ער — דער אָרימ־סטער פון די אָרימע.

ער אימפּאָנירט אפילו ר. אייזלאַנד׳ן, וואָס איז, לויט זיין אייגענעם ודוי, אָהן פאָטער־מוטער, איז מבטל מענדע־לי׳ן און ש. אַש׳ן און האָפט אויסגעלעזט צו ווערען במהרה בימינו.

שוואַר און אומעטיג איז ר. אייזלאַנד׳ן. עס דערגעהט דערצו, אז אין אַ זעקס־שורה׳דיגען געדיכט שטעלט ער אוועק זעקס אויסרופס־צייכענס און אינגאַנצען איין קאָ־

מאַ, איין פּונקט, דערביי אויסשרייענדיג פיער מאָל: מיין גאָט!

א שוואַך געדיכט.

קליינגקייטען. איז אַ מענשען ווירקליך שווער אויפ׳ן הארצען, מעג ער פייפען אויף׳ן וועלט־ריטם, מאַכען טור־מעל און מיט די פיס טרעטען אַלע גוטע עצות און שטרענגע כללים פון׳ם עסטעטישען קאַנאָן, וועלכע האָבען, אַ פּראָפּאָ, נאָך קיין דיכטער קיין טובה ניט געטהון.

מיך אַרט ניט, וואָס אייזלאַנד שרייט: מיין גאָט! מעגליך, אַז קיינער הערט ניט, אָבער דו שריי. א י ך האָב נור אַ ווילען צו גלויבען, ניט דעם אמת׳ן גוטען גלויבען. אָבער שרייסט דו אויף אַ קול: גאָט מיינער! וויים איך, אַז דיר ווערט לייכט — צום וויינען, גלייך אימיצער אַ גוטער האָט דיך אויסגעהערט, דיינע פערלאַנ־גען ערפילט און דיינע זינד דיר מוחל געווען. אָבער דאָס קען איך ניט פערשטעהן, ווי אזוי קען ר. אייזלאַנד אויף אַן אמת בענקען נאָך׳ן אמת און אין דערזעלבער צייט זיך פערבענקען נאָך אַ פּרץ־לעגענדע — אפילו ניט נאָכ׳ן מענש פּרץ, נור נאָך זיינער אַ לעגענדע. און דער־ווייל בויט זיך דער יונגער דיכטער פון זיין אָרימקייט און דער אָרומיגער — אַ היימישע, בעקוועמע, גאַנץ פאַנטאַס־טישע לעגענדע.

ר. אייזלאַנד פּראָקלאַמירט זיך און זיינע גוטע ברידער אַלס איינזאַמע, פּרייע, שטאָלצע. דאָס מיינט ער מ. ל. האַלפּערן, י. אָפּאַטאָשו, מאַני לייב׳ן, זישא לאַנדוי׳ן און די אַנדערע.

איז דאָס אמת, טו וואָס זיצען מיר יאָהרען אין איין שטאָדט, אונטער איין דאַך מיט די דאָזיגע פרייע, שטאָל־צע גבורי ישראל און זיפצען אָהן אויפהער, ווי ר. אייזלאַנד, און בענקען פערזאומערט, ווי ר. אייזלאַנד, נאָך עפּעס אַן אילוזיאָן, אפילו נאָך אַן אָבגלאַנץ פון אַ קאַלטער, ליג־נערישער לעגענדע.

א שאָטען פון א שאָטען.

איז דאָך דער פערשטאָרבענער געווען ניט קיין נביא

און ניט קיין פיהרער און ניט קיין פאָטער, נור — אַ ליטעראַט.

ניט מעהר.

ניט דער שענסטער אויסדרוק פונ'ם אַמאָליגען, נור דער סענטימענטאַלער בעוואונדערער זיינער. ניט אַ וועלט־זון, נור אַ פאָטאָגראַפען־נעגאַטיוו. ניט אַנהויב, נור עפּיגאָן. ניט אַ לעבען, נור אימיטאַציאָן. ניט חכמה, נור אַ חכם. ניט געוואַרימט הערצער, נור — זיך צו־וואַרימט אינ'ם פערדעכטיגען ליטעראַרישען־קיך־פייער און ווידער און ווידער געקראָכען צום קוואַל פון ליכט, בלייבענדיג אַליין קאַלט. עסטעט. ליטעראַט.

ז י י ן שיקזאַל.

א ו נ ז ע ר שיקזאַל.

אָרימער מענש! געשריבען מעשיות און אַזוי שנעל געוואָרען אַליין אַ בבא־מעשה.

געבענקט נאָך גלויבען און זיך נור געפּלאָנטערט ארום די פּיס פון אמת־גלויביגע און געווען דאָס, וואָס מיר אַלע: אַ ק ו ל ט ו ר ־ מ ע נ ש!

עפּעס אונרעאַלעס, אומגעלומפּערטעס, פאַנטאַסטי־שעס, ווי יעדע קולטור.

אפילו דאָס שוין אויך ניט: אַ ק ו ל ט ו ר ־ ל ע ג ע נ ד ע! דאָס אַלץ.

און טהוט ר. אייזלאַנד אַ טובה דעם פערשטאָרבענעם און שטעלט איהם אריין אינ'ם לעגענדען־פאַנאָפּטיקום אין איין רייה מיט'ן בעל־שם־טוב און אליהו הנביא, וויים ער ניט, וואָס ער טהוט. מיט'ן בעל־שם־טוב וועל איך אפילו, דער סקעפּטיקער, געהן איבער בערג שטילע און טהאָלען אונבעקאַנטע, ניט פרעגענדיג קיין קשיות, און אליהו הנביא וועט מיר שפּאַלטען דעם ים און איך וועל אַריבערשפּרינגען. אָבער פּרץ'ן קוק איך דורך, בינד איהם איין, שטעל אין שראַנק אריין און — יוצא.

און טרויעריג ווערט פונ'ם געדאַנק, ווי שנעל פון אַ מענשען ווערט אַ שאָטען, פון אַ הייליגען נאָמען — אַ

בוכשטאבען־קאמבינאציאן, פון יעדער געגענוואַרט — אַ פערגאַנגענהייט און פון דער ווירקליכקייט — אַ לעגענדע.

דערצעהלט אַן אייגענער מענש מעשיות וועגען מיר אין דער „פרייער ארבייטער שטימע“, הער איך, הער און אין אויער זשומט: לעגענדען.

אויך איך שוין אַ לעגענדע: ניט גערעדט האָב איך די אַלע היציגע רייד, ניט געוועזן קיין קעניג און קיין קרוין אויפ׳ן קאָפּ ניט געטראָגען און יענע צייט, יענע מענשען און דעם ערצעהלער אליין שוין לאַנג, לאַנג פער־געסען. עפּעס דערמאָן איך זיך און פערשטעה אַלץ ניט וואָס ער וויל פון מיר און וואָס ער רעדט אַזוינס צו מיר.

גוטמוטיג ענטפער איך מיין קטגור:

ניין, ניט מיט גאַל שפּייען, נור קיצלען. גאַל פער־ביטערט דאָס אייגענע הארץ און דאָס אַזוי אויך־ניט־זיסע לעבען.

ניט קעניג זיין, נור הויף־נאַר! זיין הויף־נאַר איז מקנא יעדער קעניג.

קיצעלמייסטער — אַ כבוד! צופיעל כבוד. בעסער פון דער שווערער קרוין — אַ נאַריש לייכט מיצעל, פונ׳ם מעלאָדראַמאַטישען צעפּטער — דער אידילישער פעדער־וויש און פון טויזענדער גלייכגילטיגע געזינונגס־גענאָסען — יעדער געזינונגס־גענאָסע איז קאַלט און גלייכגילטיג ווי מיין שרייב־פּאַפּיר — אַזאַ נארישער, גוטער פריינד, ווי יענער ניו יאָרקער, וואָס ענטפערט דעם שונא אין דער „פרייע ארבייטער שטימע“ און רעדט וועגען דיר מיט אַזאַ ליבע אַזעלכע אונמעגליכע, אונגלויבליכע זאַכען, ווי ס׳איז דער מנהג פון אַלע פערליבטע.

יאָ, העכער פון יעדער ראַז־געפּאַרבטער לעגענדע איז די כלומר׳שט־גרויע ווירקליכקייט, און אַ ביסעל ליבע מענשליכע איז מעהר ווערט פון דער קאַמפּס־רעטאָריק און דער היציגסטער קאַמפּס־לוסט. נו, האָסטו זיך שוין אָנגעכאַפּט אַן דעם זוים פון איהר קלייד און ביסט גרייט פערברענט צו ווערען אינ׳ם געטליכען פייער פון דער רע־וואָלוציאָן — וואָס איז דאָס אַלץ, אויב דו האָסט ניט קיין

ליבע אין הארצען? אָבער איך וויל ניט אָפּפּער ברענגען און אָפּפּער זיין און מיט בלוט שמירען די געשיכטס־רעדער: קענען זיי זיך ניט ריהרען אין־בלוט־ניט־איינגעטונקט, זאָלען זיי זיך שטעהן: נמאס איז מיר דער גרויזאַמער, אונמענשליכער ספּעקטאַקעל.

ווי שווער איז די קעניגען אין פּאַלאַצען און אפילו אינ׳ם טעאַטער־זאַל און אויף דער רעדנער־טריבונע, א רחמנות אויף זיי: אַזעלכע פּייערליכע, אָנגעשטייפּטע, צערעמאָניעזע, מליצה׳דיגע. אָבער האָסטו אַראָבגעשמיסען אַלע קרוינען פון זיך, מוחל געווען די כבודים, אויף דיינע אייגענע קליינע פיסלעך געשטעלט זיך, ווער קען זיך גלייכען צו דיר? א קראַנקער און דאָך ווי געזונט, א טויטער און ניט פויל, א קיצלער, א וואווילער יונג, א פרייער טענצער, א שטילער סענטימענטאַליסט. און זאָגט מען דיר: אש און שטויב, זאָגסטו וועהמוטיג נאָך: אש און שטויב.

דו ביסט אינ׳ם שווערען היהנערפּלעט: און וואונדערסטו זיך, וואו נעמט א היינטיגער יונגערמאַן דעם אונפערשטענדליכען ראָבעספּיער־מוט בעגראָבען דיך א לעבעדיגען, פערשיטען דיך מיט שווערער ערד און אויפ׳ן נאָך־פּולסירענדען שטערען אויסקריצען דיר אַזעלכע גרויזאמע ווערטער: אש און שטויב.

ביזט ניט בייז און ניט מוחל. יא — אש און שטויב און א צובראָכען געפעס, אָבער ס׳טרעפט אמאָל, אז פון דער צובראָכענער כלי ווערט א ריינע כלי — און זי פילט זיך אָן מיט וואוילשמעקעדיגען הימלישען אויל און אינ׳ם גרויען, שטויביגען, קאַלטיגען אש פערגלוסט זיך אמאָל דער שכינה צו בעזעצען זיך — אויף א ווייל. ווער קען דערגעהן די וועגען פון דער שכינה? אויסער יעדען געזעץ איז זי — אַליין זיך דאָס געזעץ.

גליהט אינ׳ם אויסגעברענטען קנויט נאָך עפּעס — ביזט דו ניט קיין פערלאָרענער נאָך. הער איך:

„ביז ס׳וועט קומען אונזער שעה,
איז אַזוי פיעל פרייד נאָך דאָ.“

זאָג איך נאָך: דאָ, דאָ; ווער פון די וואוילקלינגענדיגע, פערשפּרעכענדיגע ווערטער פּער'שיכור'ט. זינג זיך צו, לאַכענדיג פון די נאַרישע מענשען, וואָס טראַכטען אזוי ווייניג פון זייער נשמה.

און דו, מיין נשמה'לע, שפּאַציר זיך אַרום אַ פרייאינקע איבער גאָט'ס וועלט; דיינער איז דער טאָג.

גוט איז, ווי עס שטעהט געשריבען ביי מיין ראָזאַנאָוו'ן, דער פרייאינקער נשמה, איהר שטרענגע קאַטאָ'ס.

אַי גוט!

דאָס שיקזאַל פון אַ וואונדערבאַרער מעטאַפאָר; מיין אונגליק. זעצער און שאַפענדע. פסיכאָ־אַנאַליטיק, גענז און גריויזען. נאַטור־געזעצען, „די ערנידריגטע און בעליידיגטע" און צוויי גאַנץ אונפערדייהליכע, קאָנצענטרירט ־ אינהאַלטסרייכע פער־ריאָדען. קאַפיטאָליום, קאַפיטאַליזם און קאָנצענטראַציאָן פון אַ וועלט פון געדאַנקען אין איין אַנטיטעזע. אַנטיטעזען, דר. סירקין, געדאַנקען, געדאַנקען, געדאַנקען. דער נביא. כלל, פרט און בפרט — איך. אַן עפעקטפולער פראַגעצייכען. פסעוודאָנים.

אזא אומגליק: עטליכע שעה האָב איך זיך ניט געקענט און ניט געוואָלט בערוהיגען.

די שלעכטע זעצער.

האָבען אַן אמת פערגעניגען, אַנטהוענדיג אונזער איי־נעם די שרעקליכסטע יסורים: האַלטען ניט פון קאָמאַס און פון אידיש, צענזורירען דיר דעם טעקסט און סינטאַקס, דרעהען איבער ווערטער, שורות, ענדערען גראַמאַטישע ענדונגען און פערדערבען דיר די מיט־אַזוי־פיל־מיה קוים אויפגעבויטע פעריאָדען און זאַצען.

אונזערע נאַטירליכע שונאים.

זיי און די פערדאַמט־געעהרטע קריטיקער. פשוט'ע ניט־פערגינערס; זיי נעמען נקמה פונ'ם הויך־פליהענדען שאַפענדען גייסט.

אָבער מיין אונגליק האָט צו זיך קיין גלייכען ניט. איך פיהל, אז וועל איך ניט אויסגיסען מיין ביטער הארץ טאַקי באַלד, איז קאַפוט מיט — מיר, לויט דער פסיכאָ־אַנאַליטישער פערדרענגונגס־מעטאָדע, וועלכע איך דערמאָן איצט גלאַט אַזוי זיך, האָבענדיג שטאַרק חשק איבערצו־שרעקען די בייזע, אין וויסענשאַפט־פערליבטע גענז, וואָס

קענען ניט איבערטראָגען דעם אונערהערטען, פענאָמענאַ־
לען ערפאָלג פון מיינע זיגזאַגען.

האָב איך ביז איצט געשוויגען, מוז איך ענדליך פּראָ־
טעסטירען געגען די סיסטעמאטישע אטאַקען פונ׳ם זעצער,
פון וועלכע די לעצטע זיגזאַגען האָבען געליטען בעזונ־
דערס שטאַרק.

פון קליינע גרייזען אָבגערעדט; אויסגעלאָזענע ווער־
טער, פּונקטען, שורות בין איך מוחל.

א נאַטור־געזעץ: דו שרייבסט און דער זעצער טהוט
זיך זיינס: גרייזט צו.

האָט א רעכט. וויל ער — הערט ער דיך, וויל ער
ניט — איז ניט.

א נאַטור־געזעץ: האָב איך מורא אויפצוהויבען דעם
קאָפּ. בין רעזיגנירט.

דער מרה־שחורה׳דיגער שעסטאָוו, ביי וועמען איך
האָב געגאַשט ניט איין פיינעם געדאַנק, האָט אפילו די
נאַטור־געזעצען אין דער ערד. ער מוז זיין גערעכט.
אָבער איך בין ניט פערגאַנגען נאָך צו אַזאַ הויכער מדרגה.

בויג איך זיך פאַר די נאַרישע נאַטור־געזעצען און
דער איבערנאַטירליכער ליבע פונ׳ם אידישען זעצער צו
קליינע דרוק־פעהלערלעך, אָבער — מיין בית־המדרש
הימן? וואָס האָט דער גזלן געטהון.

יא, א הימן געשריבען און א טובה געוואָלט טהון
דעם אָרימען, פעראָרימטען בית־המדרש.

איך בין האָן־קיכאָטיש, ווי יעדער גוטער אָדער שלעכ־
טער פעליעטאָניסט, און איז די וועלט אונ׳רחמנות׳דיג צו
אַלע פער׳יתום׳טע, גוסס׳ע מענשען, וועלטען, חיות און
מטלטלין בין איך זייער נאַטירליכער פאָטער און בעשי־
צער און מליץ יושר.

און וויל איך טהון א טובה א גוטען ברודער, אַן
עפּאָכע, א מענשען, א שטה אָדער א נאַטור־ערשיינונג—
טהו איך דאָס מיט׳ן גאַנצען הארצען.

ניט ווי אַנדערע, קאַרגע מענשלעך.

אַזאַ טבע: אָדער איך שוויינ, ווי דער גרויסער סקאַנ־

דינאַוויער דראַמאַטורג און די אַזיאַטישע טערקען, צו וועלכע איך האָב אַזוי פיל צאַרטע ליבע, ניט קענענדיג זיי, אָדער איך רעד מיט אַ פול מויל, ווי אַלע בעגרענעצטע מאָראַליסטען, ווי די אונפערדינט־בעלײדיגטע ווילנער פיש־מאַרק־מאַטראָנען.

אָדער אין דער ערד אַרײנגעלעגט, אָדער אין הימעל אַרײן פערלויבט.

בין אײנער פון יענע נאַרישע, אונערטרעגליכע, אונ־רחמנות'דיגע מענשען, וואָס ווילען עקשנות'דיג: אַלעס אָדער גאָרנישט.
בראַנד.

איז אמת, אַז דאָס איז איבסען אַלײן? אַזאַ סקאַנ־דאַליעז־לאַנגווײליגע, סקאַנדינאַוויש־בעגרענעצטע פערדי־גער־נשמה.

מעגליך און אַזוי וועניג פערשטענדליך, ווי ראָבערט בראַונינג'ס דיכטונג, די אײביגע קריגערײען אין מײן שכן'ס הויז, ב. פײגענבוים'ס פיערשפאַלטען־לאַנגע קלאָג־ליד אויף דער טעמע: אַן אונגליק איז דאָס יודענטום — וואָס האָט איהר מיך געקווילעט! און — מײנע קלוג־קאָנסטרואירטע עכט־לאַטײנישע פעריאָדען, מיט וועלכע איך און אונזער לשון האָבען זיך ניט וואָס צו שעמען אַנטקעגען רעכטע, אמת'ע לשונות מיט רײכען ווערטער־שאַץ און קאָמפּליצירטען זאַץ־בוי.

אגב: ווײסט עמיצער אפשר, פאַרוואָס איז נאָך אונ־זער לשון אַלץ אַן אָרימער, פערדעכטיגטער, פעראַכטעטער, מיאוס'ער דיאַלעקט און אין'ס צענטראַל־פאַרק לאָזען זיי ניט לעגען זיך אויפ'ן גוטען, װײכען, גרינעם גראָז, און דזשאָן סטוּאַרט מיל שרײבט אַזוי לאַנג־אָטמיג, פעריאָדיש־קאַנצלעריש־אונערטרעגליך שלעכט?

וויל איך, הײסט עס, בעשיצען דעם צופאַלענדען בית־המדרש און בלײבען זיצען אַ פערגאַפטער פון דער גלענ־צענדער מליצה: אונזער קאַפּיטאַליום! און האָב הנאה: ניט דעם מתנגד'ישען „לעבעדיגען" און ניט דעם קאָרעק־

טען „וואָהלינער“ און ניט דעם חסיד׳ישען, לאַנג־פּיסיגען משה נאַדיר וועט אַזוינס איינפאַלען.

זייט זיך מודה, קאַלעגען!

נו זאָגט אַליין: איז דען ניט דער אידישער בית־המדרש, אונזער אַלטע און נייערע תּלמוד׳יסטיק, קאַלט און שטרענג און דאָגמאַטיש און — לעבערליך, ווי דער רוימישער קאַפּיטאַליזם און דאָס אַלטרוימישע — מענשענטום. אָבער אַ זייל: היסטאָריש־קריטיש בעטראַכטעט — זיכער אַ זייל, אָבער מיר איז ליבער דאָס חסידישע שטיבעל.

היימישער, מענשליכער, און זיץ איך ניט דרינען, בין איך אָבער אַ יעניגער, זאָג איך זיך: אונזער הויז פון פרייד און ווער געריהרט פונ׳ם שטיבעל און מיין פּאָעטישער, אונגעוועהנליכער מעטאַפאָר — אַי ווילט זיך מיר זיין פּאָעטיש און אונגעוועהנליך! — שרייב איך מיר אריין מיט קאַליגראַפיש־אידעאַלע בוכשטאַבען דעם קאַפּיטאַליזם און דאָס הויז פון פרייד — די וואונדערבאַרע, וועלט־ערשעפּענדע אַנטיטעזע, אין וועלכע איך האָב אריינגעקאָנצענטרירט די טיפסטע היסטאָרישע, פּסיכאָלאָגישע און לאָגישע גענענזאַצען: רוים און העברעערטום, געזעץ און ליבע, דעם ווילנער גאון, דעם מילדען נצרת׳ער, זיך אַליין און אַ פּאָר נאָהנטע מענשען פוןביידע געשלעכטער.

זיין בין איך אַ גרויסער ליבהאָבער פון גוטע אַנטיטעזען — בעזונדערס פון מיינע. פון מאַקאַליי׳ס, פּאָפּ׳ס און דר. ש. מלמד׳ס האַלט איך ניט: טרוקענע גערדאַנקען־אַרבייט.

האָט אָבער דער בייזער, ניט־אויפמערקזאַמער זעצער מיך געקוילעט און מיין העכסט־געלונגענע אַנטיטעזע, אַריינרוקענדיג מיר אויפ׳ן אָרט פונ׳ם אַלטען, עהרווירדיגען קאַפּיטאַליזם דעם היינטיגען מאַרק־שרייערישען, אונווירדיגען, נאָך־פרעמדע־מערק־זיך־אונפערשעמט־יאָגעדיגען — קאַפּיטאַליזם.

אַזאַ גרייז, אַזאַ מיאוס׳ער דרוקפעהלער.

אבער איך טרייסט זיך: ניט בעמערקט האָבן איהם מענשען.

זיי זענען ניט אויפמערקזאַם.

איילען זיך.

און זוכט איהר שוין די גרעסטע צרה, איז דאָס די גרעסטע.

ניין?

אפשר פון היינט אָן ווערען אויפמערקזאַמערע — ניט נור לעזער, נור — מענשען.

שווער, אָבער — נויטיג.

און דערוויל פערריכט איך דעם מיאוס'ען דרוק־פעה־לער און וויל די וועלט זאָל וויסען און געדענקען, אז געוועזן איז דער בית־המדרש אַ מ אָ ל — און ביי מיר אין די „זיגזאַגען" נאָך מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק — אונזער קאַפּיטאַליום און דאָס חסידישע שטיבעל — אונזער קינ־דיש הויז פון פרייד.

און צופאַלען זענען אונזערע פעסטונגען און אין גרוים געפאַהר איז שוין ניט נור דאָס שטיבעל, נור דער בעל הבית אליין.

דער אָרימער בעטלער, דער קריגס־געפאַנגענער.

דאָס פערזעהעניש.

אונזער נאַציאָן: די גרויסע לעגענדע אויף קליינע, פּאַראַליזירטע צעהן מיליאָנען פיסלעך.

נור בעסער הערט א י ה ם און ניט — מיך.

הער איך איהם שרייען, דעם מאָדערנעם ירמיהו: ערב־רב, פערעטער, חוזק־מאַכער נארישע, קלייניקע, זעלבסטצופרידענע, שרייענד ־ גלייכגילטיגע, קליינינקע, נארישע, קראַפּטלאָזע פּרטים'לעך, ווער איך פערציטערט און — רעפלעקטיר.

ווי אלע שטאַרק־בעלעזענע צייט־גענאָסען מיינע, האַלט איך אין איין טראַכטען, ליגענדיג און זיצענדיג, אין הויז, קאַפּע, גאַס.

אונפערשעמט!

טהו איך זיך אַ טראַכט:

א נביא אָדער א — ריטאָר?

דער לייב, וואָס שרייט אין דער וויסטעניש פון אונזער אונגליקליך לעבען, אָדער — א קאָלעגע מיינער?

דאָס גרויסע וואָרט אָדער — א בעפרירענדע ווירקליכקייט?

איז גערעכט און — אונגערעכט.

האָט ענטהוזיאַזם, כעס און דאָס געפיהל פון נאַציאָנאַלער שאַנדע, ווי ק י י נ ע ר. א י ך בין אַן אַנדערער מענש: קיהל, ווייך, גרייט צו פערצייהען און בין איך רויט פון שאַנדע, איז דאָס מיין אייגענע שאַנדע.

מיין נאַציאָן ליגט מיר ניט אין זין.

מיין נאַציאָן — בין איך.

נ. סירקין איז אָבער כלו סאָציאַל. העכער פון העכסטען איז איהם די נאַציאָן, דער כלל.

ז י י ן נאַציאָן.

האָט ניט מורא דערהויבען איהר איבער קלאַס און צייט.

גרויס, שעהן, אָבער איך האָב מיינע אייגענע זעהר־פערפלאָנטערטע געשעפטען און וויל ניט הערען וועגען נאַציאָנאַלער שאַנדע. פטר איך דעם נביא'ס וואָרט אָב:

אפאָריזמען, פראַזען, געדאַנקען.

ליגען.

א י ך שרייב אפאָריזמען, אָבער ע ר — מיט'ן בלוט פונ'ם צאָרניגען אידישען הארצען. ניט אפאָריזמען, נור — הייסע ליידענשאַפט.

העגעליאַניש־מאַרקסיסטישע אַנטיטעזען: יא, אָבער דאָס און — מעהר סקאָרפּיאָנען.

בייטשען.

איז ער שולדיג, אז מיר ווערט פון די שמיץ נור וואָרימלעך אין לייב און זעל?

און זיין פעריאָדישער זאַץ איז ניט סטיל־איבונג: אינ'ם אַרויף־און־אַראָב־שטייגענדען טעמפ פון ז י י ן פעריאָד וויברירט דאָס גרויסע, בלינדע פראָפעטען־הארץ.

הערט, וואָס א מענש — אונזער צייט־גענאָסע —

וואַגט צו זאָגן: און אַלס פאָלק זענען מיר צעפאַלען און פאַרנאַנדערגעפאַלן. אָהן מאַכט און אָהן רצון, און אַלס בירגער זענען מיר געצוואונגענע פּאַטריאָטען און בעהאַלטענע פערעטער, אַלס רעוואָלוציאָנערען פאָלקס־לאָזע, היימלאָזע בעשעפּעניש.

אַזעלכע ביטערע, גרויסע אמת׳ן און מיר זענען אַלץ גלייכגילטיג; קיין אויסגעשריי, קיין שנוי נשמה!

און אפשר זענען מ י ר גאָר גערעכט?

מענשען רעדען וועגען אמת׳ע און פאַלשע נביאים. אין אמת׳ן זענען זיי אַלע אפשר נור פאַלשע.

היטער פון געזעץ, שלוחים פון קאַלטער גערעכטיגקייט.

האָבען אויגען און זעהען ניט, אויערען און הערען ניט אונזער קליינינקען, בעל־הבית׳שען, פשוט׳ען וועה.

גזלנים.

האָבען ניט קיין רחמנות און ניט קיין שכל און ניט — נשמה. זענען בייז, סאַטיריש, אונמענשליך, הייסע, פאַ־דערען, מאָנען, אין׳ם נאָמען פון אבסאָלוט.

אבסטראַקציאָנען און ניט — לעבעדיגע מענשען.

האָבען ליבע צום צווייטען, און ניט — צום נאָהענ־טען.

שטראָפען און שמייכלען ניט; קיינמאָל ניט.

אָרגאַנען און ניט — לייב.

דינער פון אבסאָלוטען און ניט — זינדיגע.

מענשען האָבען ליב זינד און זינדיגע און אַלעם אונ־פאָלקאָמענע און היימישע, און קאַלט איז דאָס האַרץ אין שאָטען פון קאַטעגאָרישע אימפעראַטיווען.

גוט לעבט זיך אין׳ם פאָטער׳ס גנעדיגע אָרעמס.

ניט גערעכטיגקייט, נור — גנאָד.

ניט כלל, נור — פּרט.

ניט זיי, נור — איך.

און ד אָ ך בין איך פּערציטערט געוואָרען פון דעם נביא׳ס צאָרניגע, נאַרישע, אַנטיטעטיש־אַפאָריסטישע, ניט־איבערצייגענדע רייד.

און איהר?

XI

ווענען צרות, מ. באַראַנאָוו׳ען, חלומות, פיינע דרכים, אַפּאָלאָ און דיאָנים׳ען און אַנדערע מיטאָלאָגישע, היסטאָרישע און צווייפעלהאַפטע מענשען, געאָגראַפישע פונקטען, זאַכען, וועגען וועלכע דער לעזער קען עפּעס דערגעהן לעזענדיג דעם פעליע־טאָן גופא, ניט אַנדערש.

די אידישע צרות מוזען טאַקי זיין אונערטרעגליך, אַז זיי האָבען דערעסען שוין אַזאַ קאַלטבלוטיגען, טאַלאַנט־פולען סקעפּטיקער, ווי מ. באַראַנאָוו.

דער עיקר, וויל ער פּטור ווערען פון אידישע גוואַלדען.

איינפערשטאַנען!

ניט־אידען האָבען אויך צרות, און ניט קיין קליינע: איז דאָך אונזער מוטער־ערד אַ יאָמער־טהאָל און אַ גאָל־גאָטא, אָבער די גוים זענען עפּעס שווייגעדיגער, אינטי־מער, שטילער. מיר זענען געבאָרענע דעמאָנסטראַנטען, ערפאַהרענע קלאָג־מוטערס און ראַפינירטע היסטעריקער. קען איך ניט שלאָפען. זייערע אידישע געשרייען און זיפצען קריכען אַריין מיר אין די נאָזלעכער פון מיין שוואַכען האַרץ און איך, ווי באַראַנאָוו, וויל האָבען אַ נאָרמאַלען שלאָף און רוהיגען געוויסען.

בין איך שוין לאַנג אַ פריינד פון יעדער ראַדיקאַלער לעזונג פון דער אידישער פראַגע.

מ. באַראַנאָוו איז ערשט איצט געקומען צום שכל, אַז אַלע וועגען פיהרען אַהין, און די „פאָרווערטס״־טפשים האָבען זיך דערשראָקען טאַקי אויף אַן אמת און איילען זיך מודיע צו זיין די צאן־קדשים, אַז אַלע וועגען פיהרען צום — גליק און פאָרטשריט.

אָריגינעלע קעפּ!

גליק און פאָרטשריט — וואָס ווילט איהר נאָך?

מ. באַראַנאָוו וויל נאָך עפּעס: אידישע צרות האָבען

צוטומעלט דעם לוסטיגען פויגעל; וויל ער לויפען קיין פּאַלעסטינאַ, פּאַטאַגאָניען, אַפריקאַ, פערזעצען ווייב און קינדער (מוז גאָר קיין קינדער ניט האָבען, דער קונדס!), ווערען אַרכי־ציוניסטיש און אפילו צוריקנעמען אַלעס, וואָס ער האָט געשריבען, גערעדט און געבילט יאָהרען לאַנג אויף דער אונשולדיגער ציוניסטישער לבנה.

אָבער מיט אַ תנאי.

שלעכט.

ער וויל, איהר זאָלט איהם בעווייזען, און מיט ציפּע־רען, גוטע עדות און אָפּיציעלע דאָקומענטען אין האַנד, אַז אָרימע אידען וועלען האָבען פּרנסה אין פּאַלעסטינאַ און דוקא אַ מיליאָן אידען, און דאָס לאַנד וועלען מיר טאַקי אַריינקריגען און ניט אַנדערע. און קשיות פרעגט ער וועגען אַראַבער: שטאַרק פעראינטערעסירט אינ׳ם שיקזאַל פון די אַראַבער און וויל נאָך אַן עקסטראַ בעוויז, אַז מהיום והלאה וועלען די רוסישע און רומענישע אידען איהם לאָזען צורוה אויף שטענדיג.

פערשטעהע איך איהם ניט: איז אַ הומאָריסט, ד. ה. אַ וויים־חברה׳ניק, אַן אָבלאַכער פון ציפערען, עדות און דאָקומענטען, און רעדט מען וועגען אַ אידיש לאַנד, מאָנט ער די נאַרישע ציפערען, טויטע, גאַנץ אונוויכטיגע דאָ־קומענטען און עדות דערצו.

יאָ, שיער ניט פערגעסען: קיין פּאַטאַגאָניען, אַפריקאַ וויל איך ניט געהן.

דאַנקע.

און איהר געהט אויך ניט: צו וויט, צו הייס, צו טראָפּיש און צו אויסטערליש.

און אַ מענש דאַרף זיך היטען פאַר אַלעם טראָפּישעם און אויסטערלישעם און דערצו האָבען אַן אַנשטענדיגע פּרנסה און גוטע פערדינסטען.

פערזעצען ווייב און קינדער — אַ ווילדע אידעע! נאַרישער מענש, ביזט שוין אין די יאָהרען און גיסטו אָב דיין ווייב, וואָס וועסטו טהון, אַז קיין אַנדערע וועט דיך ניט נעמען?

ווייבער האָבען שוין אזא טבע: האָבען ליב אינגערע מעהר פון עלטערע; פון פערוועזטע נאטורען אָבגערעדט.
כמעט טראגיש.
און אָהן א ווייב און קינדער איז גאנץ אומעטינלעך, און נאָך ערגער און נאָך לאנגווייליגער ווי מיט זיי, דען בעשאפען איז דער מאן אזוי, ער זאָל נאָכלויפען ז י י ן ווייב, פרעמדע ווייבער, אָבער — ניט פערזעצען זיי און זיין איינזאם.
א קלוגער שרייבער — באראנאוו, און דאָך אזוי נא־איוו, ווי אלע עלטערע מענשען און גאנץ יונגע אָנפאנגער: גלויבט אין דער קראפט פון'ם וואָרט. וויל צוריקכאפען זיינע ווערטער, מיינענדיג, אַז זיי האָבען אימיצען גע־טראָפען אין הארצען. און פערשטעהט ניט, אז געלעזען האָבען זיינע אַנטי־ציוניסטישע דיאַטריבען געשוואָרענע ציוניסטען־פּרעסער, וואָס האָבען פון זיי ווענינ הנאה געהאַט, און אַלע איבעריגע מענשענקינדער, וואָס האָבען געקענט פראָפיטירען פון זיין תורה, האָבען זי אין מויל ניט געוואָלט נעמען.
א הומאָריסט זאָל אזא קליינינקייט ניט פערשטעהן!
די אַלטע צרה.
איך ציטיר א גוטען ברודער; האָט ער ערגעץ געזאָגט אָדער געשריבען אזעלכע טרויעריגע ווערטער: און די אַלע מיידלעך, וואָס איך האָב געגלוסט צו האלזען, האָב איך אין מיינע אויגען אפילו ניט אָנגעזעהן, און יענע, וואָס איך האָב געהאלזט, זיינען מיר געווען צו־ווידער און ניט געשטילט האָבען זיי דעם דורשט פון מיין הונגעריגער נשמה.
דער היציגער קריטיקער פון אַלע בורזשואזע אָרדנונ־גען, ציפערען, בעווייזען, וויל אויף דער עלטער עפּעס זי־כערעס, א פּאָר ציפערלעך.
עדות, דאָקומענטען, בעווייזען: חא־חא! ווילסט דו באמת פּטור ווערען פון דיין ווייב און ניט געהן א גאנג, ווערסטו האָבען שטענדיג עדות — עהרליכע און אונמיז־געקויפטע, און וואָס פאַר א ווערט האָבען דאָקומענטען?

ווער האָט זיי אין זיין לעבען ניט פאַלסיפיצירט אַ־ער טאַקי פאַבריצירט?

בעווייזען? די געהערטע אָביעקטיוויטעט! זיץ איך נעכטען אויפ'ן פערטען שטאָק מיט די פיס צוואָרפען אויפ'ן פענסטער און קוק אויף זישא לאַנדוי'ס מיד־פער־געהענדע זון און בין אַזוי פערפאַלען, קליין און קליינליך, און זי אַ שלעכטע, אַ נאַריש־באַנאַלע, באַלעבאַטיש־קלוגע, אַ מיר־וועלט־פרעמדע, אַן אונווירדיגע. און היינט איז אַ קיהלער פריהמאָרגען, עס שרייבט זיך לייכט, נור וואָס אָבגעפריהשטיקט; מיין פּאַפּאַ זאָגט מיר קיין מוסר ניט; און איך בין איבערצייגט, האָב די גלענצענדסטע בעווייזען און די אַפּאָדיקטיסטישע זיכערקייט, אַז זי איז אַ גוטע, די איינציגע, די בעשערטע, מיין הימלישע כלה־מוטער, און איך — אַ רעכטער, אמת'ער, אונפערגלייכליכער גוטער זוהן.

די לאָגיק פון בעווייזען!

חאַ! חאַ!

זייט איהר, באַראַנאָוו, אויף דער עלטער געוואָרען אַ סופראַזשיסטישער בלאָהער זאַק אָדער אַ קולטור־געשיכט־ליכער לעקיש, אַז איהר זאָלט זיך איינרעדען, דאָס איר־גענד וועלכע לאָגישע בעווייזען האָבען וואָס פאַר ס'איז אָביעקטיווען ווערט.

ווילסטו געהן אין פּאַלעסטינאַ אָדער אַנדערע זאָלען געהן — גלויבסט דו זייער ע מאַטעמאַטישע חשבונות, עדות און בעווייזען, און ווילסט דו זיצען אין דערהיים און האָסט ניט קיין מוט צו זאָגען: איך בין איך און דרעהט מיר ניט אַ קאָפּ — פערלאָזט דו זיך אויף דעם צד שכנגד'ס ציפערען און בעווייזען.

יעדע לאָגיק, יעדע וויסענשאַפט האָט די שטרענגע אַלורען פון אַ גרויסער, זעהר אונאָבהענגיגער, זעהר רייכער דאַמע, און אין אמת'ען איז זי אַ דינסט־מויד — אַ נאַר פּלעבעאישע און לויפט נאָך מיינע קאַפּריזען און טהוט וואָס איך הייס איהר.

און די אַראַבער ארויסטרייבען פון פּאַלעסטינאַ איז

גאָר ניט אזוי שווער: זיי האָבען קיין שטאאט־אינ־סטינקטען ניט! און פארוואָס זאָלען מיר ניט לעבען מיט זיי בשלום, געבען זיי וויפיל זיי ווילען נור אויטאָ־נאָמיע און לערנען זיך ביי זיי רייטען אויף פערד, דער־צעהלען שעהנע מעשיות, טרינקען שטארקען קאַפע, גלוי־בען א ביסעלע מעהר אין דעם גרויסען גאָט און לאכען פון דער טומלערישער, פוילער אייראָפּא.

גאראנטיען, אז אידען וועלען ניט הונגערען אין פא־לעסטינא, זענען איבעריג. פארוואָס זאָלען א פּאָר מיליאָן אידען ניט צוהונגערען עטליכע צעהנדליג יאָהר לשם מצוה? טהוען דאָס דאָך צעהנדליגע דורות די אינדיער: א גאנץ אריסטאָקראטישע ראסע!

און די רוסלענדער פויערען.

און האמסון׳ס גאנץ אינטערעסאנטער יונגער־מאן פון „הונגער“.

און אַלע פראקטישע מיידלעך, וואָס ווילען קומען צום תכלית, און א תכלית זוכען זיי אַלע, די רויט־און־ווייס־און־ברוין־געפארבטע שמעטערלינגען, וואָס לויכטען אינ׳ם אונענדליכען גרוי פון אונזער שווערען לעבען.

און וואָס איז די איילעניש?

ווערט איהר איינס־צוויי א געלד־פערדינענדער דענ־טיסט אָדער א פראָספערירענדער פעלצווארג־הענדלער מיט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל? איהר מוזט אָבקומען א פּאָר יאָהר.

אמת, מיר אידען זענען שוין גענוג אָבגעקומען, אָבער דאָך טאָרען מיר ניט שרייען: איצט אָדער קיינמאָל ניט! באַלד, אָדער איך בין אייך מוחל אַלץ און געה מיר צוריק אויפ׳ן וועג קיין — איסט בראָדוויי, 175.

נאָך א ביסעל געדולד! ניט פערצווייפלען, אָדער פערצווייפלען א קליין ביסעל. צוגעוואָרט: וועט ניט שאדען אונז. אויסגעקראָכען זענען סיי־ווי־סיי אונזערע האָר, קענען זיי ניט גרוי ווערען; איינגעפאַלען אונזערע באקען — וועט קיינער ניט בעמערקען, אז זיי ווערען טויט־געל, און לאנג פיבערען מיר, טו ווער וועט זיך

כאַפּן, אַז מיר רעדן אונטערטרעגליכע נאַרישקייטן, מיר — די אַלטע, היסטאָרישע עבר־בטל׳ס.

ניט דווקא באַלד אויסגעלעזט ווערן — בעסער באַלד, אָבער אַז ניט — איז גוט שפּעטער און נאָך שפּעטער, אַבי עפּעס אַ תּרופה.

איז פאַראַן אַ תּרופה צו אונזערע צרות?

דוכט זיך, ניין, אָבער חלומ׳ען, פאַר וואָס ניט? אפשר יאָ? אַי, וואָס, דו ביזט שוין פאַר׳קנס׳ט? איז וואָס?

איך בין אויך צימליך שטאַרק פאַרליבט אין די נייע לאַכענדע הימלען און דער גוטער, לייכטער צוקונפטס־ערד, אָבער מאַנאַגאַמיש זענען מיר מחויב צו זיין נור איצט און אויף דער וואָהר.

אינערע, אַטמאָספער, נאַרמען, רוים, אידעען פאַרגע־הען. און חלומ׳ט איהר, זייט איהר אין דער בעסערער, אמת׳ער וועלט פון פרייהייט און זאָגט, ווי דער זעהר פּי־לאָזאָפישער קוני־לעמעל: מאַמע, איך וויל ביידע. פאַר־וואָס ניט חלומ׳ען וועגען אַ ל ע ם ג ו ט ע ן: אַ איי־ביגער ליבע, אַ אַ אידיש־אַראַבישען פאַטערלאַנד. און אַ סאָציאַליסטישען שטאַאַט, אַ געזונדען מאַגען, פּיל־ווייבעריי, אַנאַרכיסטישע קאָמונען און שטאַרקע גלידער— אַלץ האָסטו — אין חלום. און ווילסטו, שרייבסטו לידער ווי אַ שעלי, אָדער אַ יואל סלאָנים, וואָס איז דאָך זיכער אַ גרעסערער דיכטער פון זייער נאַדסאָנען און אונזער יהואָש׳ן.

אַ וואונדערבאַרער מענש — דער שעלי.

איך בין איהם מקנא.

פאַר וואָס בין איך ניט אַזוי געניאַל, ווי ער? ניט אַזוי שעהן? ניט אַזוי פאַר׳חלומ׳ט?

און באַראַנאָוו זאָגט בפירוש, אַז ער וויל אויף דער עלטער ניט זיין קיין טרוימער: שטעהט ניט אָן.

מוזט, ברודעריל.

אַזאַ געזעץ: העגעל׳ס טריאַדע. פון חלום צו חלום געהט דער לעבענס־וועג איבער די טרויעריגע, פאַר׳יתומ־טע פעלדער פון ווירקליכקייט.

אין דער יוגענד ביזטו א פער׳חלום׳טער: זוכסט די געהיימניספולע אונבעקאַנטע, דורשסט נאָך א גן־עדן אונ־שולד, ווילסט גרויסע פריינדשאַפט, שווימסט אַרום אויף א פערגעבעלטען קאָנטינענט, אָבער ווערסטו עלטער, עסט דו דריי מאָל א טאָג, האָסטו שלעכטען שטוהל, שלינגסט טרוקענע חכמה, שילטסט דיין פּראָפעסיאָן און וועלט, רעדסט הויך אויף א קול און ווערסט אַלץ מידער פון דער ווירקליכקייט, וואָס האָט צוטראָטען די חלומות, אָנ־געשטעלט דיר הערנער, פערזאומרייניגט דיין האַרץ און פעראומערט דיינע טעג.

די טעג פון אונזער לעבען.

חלום׳ען מיר ווידער, ווי אין די קינדער־יאָהרען.

גוט איז נור אין קינדער־יאָהרען; אונזער אַרקאַדיען און דיין טעגליך ברויט ווערט געבאַקען פון חלומות און דיין יעדער טאָג איז א מיסטעריעזע נײ־ענטדעקטע אמע־ריקאַ.

קומט די בייזע עלטער און מיר מוזען פער׳חלום׳ען זיך ווידער אָדער — פערצווייפלען. און מיר זענען אַלטע, ערוואַקסענע קינדער מיט האָר אויסגעקראָכענע, הענד קור־צע, אויגען צושראָקענע און וואַכען וואַכט נור די תאוה אונ־ערזעטליכע.

וואָס איז די ווירקליכקייט? א חלום אין א חלום, אָדער בעסער, א קליין בריקעל, וואָס פיהרט פון חלום צום — חלום.

צום טויט.

יאַ, סיסטעמאַטישע, עקשנות׳דיגע, קלוגע טרוימער זע־נען נור עלטערע, טיפערע מענשען — שעמט זיך ניט מיט אייערע חלומות! און איהר, מ. באַראַנאָוו, זייט א גוטער און חלום׳ט וועגען אַן אייגען לאַנד און קאָלעקטי־וויסטישער אָרדנונג.

אי, זאָגט גוט דער בריפקאַסטען־מאַן פון דער „פרייי־ער אַרבייטער שטימע“: מיר זענען ניכטער און טאָרען ניט לאַכען פון זיי.

אי — פיין!

אַ ניכטערער איז אַן אונאַנשטענדיגער מענש, וואָס מוז בעטען פערצייהונג. דעם ריכטיגען קוק האָט דער רוסישער פויער: אין זיינע אויגען איז דער פערברעכער — אַן אונגליקליכער, און דער ניכטערער — אַ פערברעכער.

איך פערשטעה דאָס: און געה איך אריין אין אַ שטוב, אַלע רויכערען, אָפעריר׳ט מען מיר אַ סיגאַר, איך קען ניט רויכערען, מיר ווערט ניט גוט פונ׳ם רויך, וואָס איך שלינג, און אַלע לאַכען פון מיין אונערפאַהרענהייט, אָבער איך לאָז זיי לאַכען, אָבער ניט זיין אַן אויסנאַהם, אַ צו קלוגער. איך רויכער מיט.

אָדער נעמט די ספּיריטואַזען: איך קען זיי ניט פערטראָגען און די דאָקטוירים האָבען מיר פערזאָגט, ניט דערוואַגען אָנריהרען די שאַרפע געטראַנקען, אָבער זיי טרינקען אַלע, ווערען פרעהליכער, מאַך איך זיך האַרץ, זופּ פון גלעזעל — האָט אַזוי אודאי סאָקראַט זיין גיפט געטרונקען, און וויל ניט פערשעמען מיינע טיש-גענאָסען און זיין סאָליפּסיסטיש.

אַלע אין שטוב רעדען — שווייג ניט, זיי ווי אַלע.

זיי לאַכען — זיי ניט איבער־פילאָזאָפיש.

אַלע מאַכען זיך נאַריש — זיי אַ נאַר אויך דו.

אַלע האַלב־שכור — ניט זיי ניכטער.

דיאָניסיש און ניט-גרויס ביי זיך דאַרף דער מענש זיין און צו אַל־די־רוחות אַפּאָלאָ דעם הערליכען, געטהע דעם פראַנקפורטער און אַלעם פיין-געאָרדנעטע, שטרענג־קלאַסישע!

און האָבען זיי נאָך די העזה צו פאָדערען ציפערען, בעווייזען, דאָקומענטען, איז דאָס א י י ע ר שולד, איהר ניכטערע — בעלי חלומות.

איהר בעווייזט, ארגומענטירט.

טהוען אַזוי שיכור׳ע?

איהר פיהרט ויכוחים, בעט זיך ביי די שונאים, זייט לאָגיש, אָבער ווען וועט איהר זיך ענדליך פערגעסען, אין שטויב טרעטען אייערע געגנער, שלאָגען כפרות מיט׳ן וועלט-פּראָגרעס און דעם אידישען ארבייטער־קלאַס? רע־

דען ווי בעזויפענע, פיהרען זיך ווי אונאנשטענדיגע!
ווי וואגען זיי פאַדערען ציפערען, דאַקומענטען?
א י ך דארף זיי ניט.
א י ך לאַך פון זיי. איך בין גרייט צו געהן אין די הרי חושך אפילו, אָבער הויבט אויף א קול, איהר בעלי־חלומות.
ניט זייט אזוי צושראָקען, אזוי אפאַלאָניש.
דיאָניסיש זייט מיר, איהר שרעקעדיגע, אונזיכערע בעלי־חלומות.

XII

אַ שטאַרק לירישער, פּראָקלאַמאַציע־נאַרטיגער פעליעטאָן וועגן ד"ר. ש. לעווין׳ס ודוי, פּאַרטיי־פיהרער, ד"ר. ת. זשיטלאָווסקי׳ס אַריער מאָראַל, פּאָזען, דעם ביטערען אמת, דעם אידישען אומגליק, דעם פאָלק ישראל, וואָס איז געגליכען צו אַ לעמעל, און אונזער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער פליכט צו האָבען רחמנות און וועגען רחמנות.

אַ פּאַרטיי־מענש, אַ פיהרער, מוז שטענדיג זיין אויף דער וואך.

האלטען דעם קאָפּ הויך.

געבען עצות, אינסטרוקציאָנען.

מאכען דעם אָנשטעל, אז אלץ איז אין בעסטער אָרד־נונג, און זעגען פאראָן געפאהרען, האָט ער זיי שוין לאנג פאָראויסגעזעהן, אויסגעמידען, וועט אויסמיידען: מעגט איהר זיין רוהיג!

אָבער אַ פּאַרטיי־מענש איז דאָך ניט מעהר, ווי אַ מענש. פאלט ער אמאָל ארויס פון דער ראָל: פערגעסט זיך.

אָדער דערשרעקט זיך: אַ צו גרויסע, נאָהענטע גע־פאהר.

לויפט ער ארויס אינמיטען נאכט אין די אונטערשטע קליידער און שרייט: אידען, שלעכט! בין צוטומעלט; האָב קיין עצות ניט און קיין לעזונגען. ג אַ ר ־ניט! ווי איהר אלע.

ווערט אַ סקאנדאל.

סטייטש: אַ טהוער אן אלטער זאָל גאָר רעדען וועגען זיך, ארומלויפען אין דעקאָלטע, ניט טרייסטען, נור שרע־קען, שטערען די אָרדנונג.

דאָס דעמאָראליזירט די מאסען.

שאדט דער גרויסער זאך.

איז מען אין כעס אויף דר. שמריהו לעווין׳ען. האָט געמוזט פעריקט ווערען. א מענש איז גאר לירישׂ־אונ־זיכער. זאָגט אפשר. הייסט קלאָגען, לויפען אין שוהל, פרואווען זיך דערמאָנען עפּעס און ווייס שוין לכתחילה, אז ס׳וועט ניט העלפען און מיר זענען פערפאַלען.

א תענית! ווי לעבערליך, אָריענטאַליש־אונניצליך, כמעט גרויזאם!

אויף־מיר־פּאָליטיק.

און טהון הייסט ער גאָרניט; דאָס איז דאָס שערקליכ־סטע. ער וויל ניט שרייען — קיינער הערט ניט און צו וואָס שטרעקען די האנד? זענען די הערצער ניט פער־פראָרען?

טרויעריג: א גאַנץ לעבען געגאַרט זיך און — אנ־דערע.

גע׳טענה׳ט, בעוויזען יאָהרען, אז מיר זענען א נאַ־ציאָן. אזעלכע ריכטיגע דעפיניציאָנען, גוטע סילאָגיז־מען. ריינע לאָגיק. און איצט, אין דער שעה פון גרוי־סער געפאַהר, זעהט ער, אז גערעכט זענען געווען די שונאים, און ניט ער.

איז דאָס א פאָלק, א נאַציאָן? ניין! א פגר, ליים צוקראָכענע, קלעפּיגע אָהן פאָרם, גלידער צובראָכענע, פלייש פוילע, אָהן גייסט און איינהייט.

א פאָלקס־חורבן: קיין רעטונג.

דער פּראָפעסיאָנעלער טרייסטער און וועג־ווייזער רייסט אראָב פון זיך די שרייענדע עפּאָלעטען און קלאָגט שטיל, ווי איינער פון פאָלק. וויל ניט פיהרען, נור גע־טרייסט זיין, איז נור א מענש.

געפעלט דאָס ניט דר. זשיטלאָווסקי׳ן. אזא שוואַכ־קייט, אזא אָבגעלאָזענקייט!

ביזט אן אַלט קאמפּס־פערד, טו וואָס עפּעס ביזט דו פלוצלונג שטעהן געבליבען?

ער האָט גרויסען רעספּעקט צו הערן דאָקטאָר ש. לעווין׳ען, אָבער היסטעריש זיין טאָר מען ניט: דער עיקר, ניט זאָגען דעם אמת. צו טרויעריג!

פאַלען אין וועג — אַ שאַנדע! ער גענט. ערפילט זיין פליכט.

אַלע זענען וואַקעלדיג, אָבער אונזער אייביג־שמייכלענדער נאַרציס איז פערפּאַנצערט: אַ שטאָלענער ווילען, אייזערנער, אונצושטערבאַרער גלויבען.

דר. ש. לעווין מורמעלט: קאַטאַסטראָפע! בערוהיגט איהם דר. ח. זשיטלאָווסקי: נאַרישקייטען. און דאָס פּראָגראַם? און דער קלאָרער ציעל? יענער שרייט: כ'ווייס ניט. אַ צרה! אפשר זיך אויסוויינען? דערלאַנגט איהם דער גרינדליכער אָפּטימיסט איבער'ן קאָפּ מיט אַ ממה־נפשך, אַ צוויי־שפּאַלטיגען אַנעקדאָט, אַ גאַנץ געמיטליכען שמועס מיט'ן צוקונפט־היסטאָריקער און אַ פיינער ציטאַטע פון אַ רוסישען דיכטער, וועלכע ווערט איבערגעגעבען אין אָריגינאַל און באַלד אויפ'ן אָרט איבערזעצט אין אידיש.

וואָס הייסט, כ'ווייס ניט? דר. ח. זשיטלאָווסקי איז ניט לאַנג אין דער נייער ראָל און קען זי שוין אויסווענדיג. איהר ווייסט אַלץ, הערר דר. ש. לעווין! גענט אַרויס אויף דער ביהנע, דאָס פּובליקום איז אונגעדולדיג, איך וועל אייך צוסופלירען אַ ביסעל און אַ רוסישער דיכטער האָט שוין לאַנג געזאָגט: „ניטאָ קיין צייט צו קלאָגען! נור פעהלערען פעריכטען" — לויט אייגענעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלען שכל און פערשטאַנד!

דער דיכטער איז אַ נאַר: פערגיסען אַ טרער שאַדט קיינמאָל ניט, קיינעם ניט. ציהט ניט אָב פונ'ם רעוואָלוציאָנערען קלאַסענקאַמף. און מיט וואָס זענען מיר דאָס אַזוי שטאַרק פערנומען, וואָס מיר האָבען ניט קיין איבריגע צייט צום וויינען? מ'דאַרף קיין בעשטימטע צייט ניט דערצו: שטעהענדיג אַזוי און קעמפענדיג לויט שכל און פערשטאַנד, גיסט דו אַ קלער, ווי אַהנמעכטיג דו ביסט און שרעקליך דער שונא, און אַלץ הענגט אָב פון אונמענשליכען צופאַל, מוזט דו ווערען מעלאַנכאָליש, דאָס האַרץ צובראָכען, קלאַגסט און שעמסט זיך ניט, ווי אַ קינד. אָבגעוויינט, צו געזונד!

גוט צו זאָגן: פעריכט פעהלערען!

זאָגען לאָזט זיך אַלץ. אָבער וואָס מכח פעהלערען אָרגאַנישע, כראָנישע, וואָס זענען שוין ניט מעהר פעהלע־רען, נור דיין צרה, ניט ווילד־פלייש, נור דיין אייגען בלוט און פלייש?

דר. ח. זשיטלאָווסקי וואונדערט זיך, וואָס מיר זענען נידערגעשלאָגען, גלויבען ניט אין אונזערע כחות און אין אונזער ווערט. אָבער ווי קענען מיר ניט זיין נידערגעשלאָ־גען? אַנטקעגען אונז די גאַנצע וועלט און מיר — אַליין. און קיין כחות האָבען מיר ניט: אויסגעגאַנגען, אויסגערונען.

און וואָס איז אונזער ווערט? אַ דרויסענדיגער גע־דאַנק, העכסטענס אַ פּאָסטולאַט, אָבער ניט אַן אינוועניג־סטע רעאַליטעט.

ווי ווייבער, זענען מיר אָהן קראַפט און אינערען ווערט.

אינערליך־לערע, לעבען מיר פון יענעמס גנאָד, אין יענעמס זכות. אַ שאָטענהאַפט לעבען!

טו צו וואָס די טעאַטראַלישע פּאָזען, די הויכע מליצות?

„אַ שטאָלענער ווילען!" און מיר אַלע זענען אָהן ווילען.

און דעם גרויסען, אונשעצבארען גלויבען, פון וועלכען דער פלינקער אידעענשפּילער רעדט, האָבען מיר אויך ניט. אפילו דעם קליינעם ניט. אַ בלבול! וועלען זיי אונז געבען רעכט, אַ לאַנד, נעמען מיר. אָבער דערוויילע זענען מיר דערשלאָגען, אָנגעשראָקען, פערצווייפעלט. שרייען די אונגליקליכע ברידער פון יענער זייט: רע־טעט! מוזען מיר עפּעס טהון. אָנטהון זעק אויף די לענדען, בעשיטען מיט אַש דעם קאָפּ? ניט נויטיג! גוזר תענית זיין — שוין געטהון! דאָס אַלץ איז ריטואַל, יאוש, זשעסט.

דער תוך איז: אָדער זיי האָבען רחמנות אויף אונז אָדער מיר זענען פערפאַלען.

ניט מיר, נור די אומגליקליכע אויף יענער זייט ים.

עפּעס טהון! וואָס? אויף דער רוסישער רעגירונג איז אַלץ צו גלויבען, וועט אויסראַטען, ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָגט צו, הייסען זיי צונאָגלען צום שאַנד־קלאָץ, ווי אין די אַמאָליגע — פּראָקלאַמאַציאָנען.

ניט דאָס איז דער וועג. בעסער זיך ערנידריגען, זיך בעטען, וועקען רחמנות צו אונז! ווייל אָבער דר. ת. זשיטלאָווסקי ניט קיין רחמים. איז שטאָלץ. א בעליי־דיגונג, די גרעסטע בעליידיגונג.

ניין! ניט בעליידיגונג, נור אונזער נאַציאָנאַל־פּאָלי־טיק, די רעוואָלוציאָנערע, די מעגליכסט־רעוואָלוציאָנערע!

נור דעם אמת געזאָגט: מיר זענען אָהנמעכטיגע, אָרי־מע, פּעראָרימטע, קומען מיר צו רייכערע אָן: נאַטירליך!

איז אָרימקייט א שאַנדע? ניין. זאָל זיין! דאָך ווילט זיך לעבען. א גרויסע וועלט!

מיר זענען נעבעכלעך.

בעלי־מום.

האָבען גוטע מענשען, גרויסמוטיגע פּרעזידענטען, רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער רחמנות אויף אונז. זעהר שעהן פון זייער זייט! זיי זאָגען: א צער בעלי־חיים אויף די אָרימע מענשען, א גאַנץ אונאַנגענעמע ראַסע! קרי־כער, טומלער, בעריהמער, פּאַרוועניוס, אָבער א רחמנות!

שענקען זיי אונז דאָס לעבען; נעמען מיר צו די מתנה און דאַנקען. א שווערע צייט. א סכנה! קענען אויס־ראַטען, טו וועלען מיר ניט זיין איבער־עמפּינדליך, שטאָלץ. אַריער־מאָראַל!

און מיר זענען געטאָ־מענשען, ניט ערצויגען אויף עהרען־קאָדעקסען, בויגען מיר דעם קאָפּ און בעטלען: א ביסעל רחמנות! רעכט — א גוטע זאַך! און פּאַלעסטי־נא גיט אונז, אָבער דער עיקר זעהט דער בער זאָל ניט אויפפרעסען דאָס אָרימע לעמעל.

א צער־בעלי־חיים; אָן אומריין טומעלדיג בעשעפעניס, אָבער וויל לעבען — זאָל זיך! אָרט געגוג אויף דער

שלעכטער וועלט פאַר אַלע חיות און ווידמונגען און דעם אומריינעם לעמעל.

אַלע שרייען. אַ טומעל. פּראָגראַמען: רעכט! לאַנד! לאַנגווייליגע פּאָלעמיק אָהן געשמאַק און האַרץ. קאָנפערענצען, קאָנגרעסען. און אַ איד טראַכט אין האַר־צען: היינט איז שטיל, גאָט זיי דאַנק! וואָס וועט ברענגען דער מאָרגענדיגער טאָג? וועלען זיי אויסקוילען אָדער רחמנות האָבען?

און אין האַרצען לעבט אַ שוואַכע האָפנונג.

אויפרודערען די וועלט? אָבער מיר אַליין זענען קלאַ־סיש־רוהיג און די אַלע כשר׳ע לייט, צו וועלכע זיי ער־לויבען אונז געהן פ אָ ד ע ר ן רעכט, האָבען בילכערע דאגות, זיצען אין טראַנשעען, פערטיידיגען דאס פאטער־לאַנד און ס׳איז כמעט אונאַנשטענדיג צו דרעהען זיי אַ קאָפּ מיט אונזערע צרות. און דאָך זענען די אומגליקליכע מיליאָנען אין אַ סכנה, די רוסישע רעגירונג — פּעהיג אויף אַלץ. און אונזערע פּאָליטיקער אַמפּערען זיך: רעכט צי לאַנד. און איך בין זיי מוחל זייערע בירגערליכע, נאַציאָנאַלע רעכט און פרעג: ווער וועט זיך דערבאַרימען איבער די טויזענד־מאָל אומגליק־ליכע?

וואָס טויגען די אַלע רעכט מיליאָנען, וואָס זענען אין דער גרויסער געפאַהר טאָג־טעגליך? דער צענטראַל־קאָ־מיטעט זייערער וואָרענט: ווילען אויסראָטען, און מיר שרייבען פּראָגראַמען.

אויף כּפּרות אַלע נאַציאָנאַלע און בירגערליכע רעכט, אַבי רעטעט יענע! דעם לייב און ניט די עהרע! די קינדער און ווייבער און אַלטע און ניט דעם — נאָמען. וועלען שוין עפּעס טהון מיט׳ן פערלעצטען היסטאָרישען נאָמען, אַבי געזונד און — לעבען.

האָבען מיר ביז איצט געשוויגען, בעהאַלטען אונזער אומגליק, איז שוין איצט די צייט אויפרייסען אונזערע וואונדען, נאַקעט אויסטהון אַלע געשענדטע ווייבער אונ־זערע, פאַר די אויערען שלעפּען די געהאַנגענע, ערמאָר־

רעטע און זאָל אונזער אומגליק און געפאַלענקייט אויפ־הויבן אַ יאָמער־געשריי, וועלכער זאָל זיך דורכטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט, פערקינדענדיג אַלעמען, אַז מיר מאָגען גאָרניט, האָבען גאָרניט צו זיי. זיי איז שלעכט מיט אונז, האָבען אונז ניט ליב, און אפשר גערעכט זענען זיי — אָבער אַ צער־בעלי־חיים! האָט רחמנות, לאָזט אונז צורוה, שוינט אונזער לעבען!

פון יענער זייט ים הערען ניט אויף פערלאָרענע, אומ־גליקליכע מענשען שרייען: רעטעט אונז! און מיר זענען רעוואָלוציאָנער, גרויס ביי זיך, פאָדערען רעכט, לאַנד און אנדערע קאָמפּליצירטהייטען.

שתדלנים און קלאַסענקאַמף־חסידים, מיליאָנערען און פּראָלעטאריער, ניט רוהט! קלאַפּט אין אַלע טירען! לאַכט זיך אויס פון דער אָרימער מאָראַל, וועקט הערצער, מאכט גוואַלדען, האַלט איין די בלוטיגע האַנד!

זאָלען אונזערע שליחים, עמיסארען, שתדלנים אַ לאָז טהון זיך איבער דער גאַנצער וועלט קלאָגענדיג, יאָמער־רענדיג, בעטענדיג ר ח מ נ ו ת. דער עיקר — רעטען זיי. אַלעם איבריגע — פּראָגראַם, געדאַנק, אונזין, וואָרט אָדער צוקונפטס־מוזיק.

און שווער און טרויעריג ווערט פון׳ם געדאַנק, אַז קיינער הערט נים, און הערט שוין יאַ עמיצער, טו ווער וויים, צי ער וועט רחמנות האָבען!

XIII

יוגעו אומגליקליכעו לעאַ פרענק. געשלעכט, טויט, פּנים'ער און אַנדערע וועניגער שרעקליכע זאַכען. אַ פעליעטאָן מיט פרעטענזיעס, ווי שטענדיג, אָבער אָהן ביזאַנטישער ראָקאָקעריי און נעמען אויף צו להכעים דעם ליבען פּאַראָדיסט פון די זיגזאַגען, משה נאַדיר'ן.

ער איז ניט קיין קדוש.
אַן אומגליקליכער — יאַ.
עפּעס שרעקליכעס איז געשעהן. זיכער. אָבער — וואָס ?

איך האָב, דעם אמת געזאָגט, דעם אומגליקליכען ברוקלינער יונגערמאַן, וועלכען אַלע האָבען שוין לאַנג פערגעסען, ניט ליב געהאַט.

האָב דערזעהן זיין פּנים אין ציימונג און אָבגעשפּרונ־גען: אַ מערדער — ניט, אָבער אַן אונאַנגענעהמער סוב־יעקט !

אַזעלכע פּנים'ער רעגען מיך אויף: קאַלט, שטייף, איינגע'עקשנ'ט.

און אַזאַ מענש נעמוזט זיין.

מענליך, אַז דאָס האָט זיך מיר נור געדוכט. האָב געקענט האָבען אַ טעות.

אויף ציימונגס־רעפּראָדוקציאָנען פון געזיכטער איז ניטאָ וואָס צו פערלאָזען זיך.

און וואָס זענען מענשליכע פּנים'ער נאָך אַלעמען ? אָפּט, זעהר אָפּט, אַן אָנשטעל. אַ פּאַטאַ מאָרגאַנאַ : פאַל־שער שפּיגעל. אַ נאַטור־קאַפּריז ! אָדער קאָנוועגאַנס און צודעק, ווי ווערטער, בעוועגונגען, לייבער.

מיר איז ניט געפעלען, איבריגנס, אויף זיין שטעל : צו מאַטעמאַטיש.

איך האָב אַ חשד, אַז דער אומגליקליכער איז געפאַלען אַן אָפּפער פון זיין ליבע צו אונשולד, בעווייזען און גע־רעכטיגקייט.

האַלט אין איין שרייען: אונשולדיג, און וויל עס בעווייזען. איז איבערצייגט, אַז ער וועט עס גאָר פיין בעווייזען. אָבער וועמען זאָלען מיר גלויבען? אַ פּאַר־טייאישען אַמאַטער אָדער פּראָפעסיאָנעלע מענער? זי־כער יענע.

דער אָרימער מענש האָט זיך פערלאָזען אויף שאַרפער דיאַלעקטיק און קאַלטער גערעכטיגקייט.

אַ אידישער גאַנג!

ד אָ ס האָט איהם געקוילעט: אַ צוויי־שניידיגער שווערד איז יעדע דיאַלעקטיק.

יעדע גערעכטיגקייט.

דו האָסט דיינע און זיי — זייערע.

און שוין דאָס עקשנות אַליין רעגט אויף. מ י ך יעדענפאַלס.

און דאָך וואָלט א י ך געוועזען אַ גוטער. ניט איבער־געגעבען דעם מענשען צום טויט.

אָבער א י ך האָב ניט קיין דעה.

איינענטליך פאַר וואָס?

נו, האָט ער פערגוואַלטיגט אַ קליין מיידעל.

האָט'ס אפשר ניט געדאַרפט טהון.

זיכער ניט נעדאַרפט.

אָבער, נאָט מיינער, זענען מיר בעסער פון איהם?

צו וואָס רעדען אַבסטראַקט; פשוט גערעדט: נו, און ד ו?

און י ע נ ע ר?

און א י ך?

ווער האָט'ס ניט פערגוואַלטיגט אין לעבען קליינע און גרויסע מיידלעך?

אָדער — אין געדאַנקען?

קיין אונטערשיד!

דער אונגעוועהנליכער פּאַראַדאָקס פונ'ם לעבען, וואָס

איז עפּעס טיף פּאַראַדאָקסאַל אין עצם: יעדע מיידעל איז עפּעס וואָס ט אָ ר ניט פערגוואַלטיגט ווערען, און לעבצם — נאָכ'ן פערגוואַלטיגער.

חלום'ט, שרעקענדיג זיך, וועגען דעם מוטיגען — פער־גוואַלטיגער.

וויל ניט אייער פּיעטעט, געוויסען, רעפלעקציאָנען; וועט אייך קיינמאָל ניט מוחל זיין איבריגען געוויסען, פּיעטעט, רעפלעקציאָנען.

וויל פערגוואַלטיגט ווערען.

מוז.

דאָס שרעקליכע מיסטעריום פון געשלעכט.

דאָס אייביג־זיסע, אייביג־לאָקענדע מיסטעריום.

אָבער דאָס ניט:

א מ ע ר ד ע ר איז דער פלייסיגער, אמביציעזער, איינגעשפּאַרטער געשעפטסמאַן ניט געווען.

אזאַ איינעם, וואָס טויט, וועל איך ניט טויטען. אָבער כ'האָב זיי ניט ליב.

זעהט איהר, דועלירען זיך איז אַ שעהנע מדה. פּיהרט זי איין. מיטעלאַלטערליך, ראָמאַנטיש, מייסטענס אונ־שעדליך. אָבער טויטען? פע!

אַ מערדער — עקעל!

וואָס וועל איך טהון מיט זיי אין דער אידעאַלער געזעלשאַפטס־אָרדנונג? לאָזען זיי לויפען — אַ געפאַהר, וועלען אַנדערע קוילען. איינשפּאַרען זיי? טאַקי אַ פּלאַן. ניט פּראָגרעסיוו, אָבער — נויטיג...

אָבער צו דער אידעאַלער אָרדנונג איז נאָך ווייט, און איך וואָלט אויך איצט הייַנטיגען טאָג געשאָנקען דעם אָרימען מענש, וואָס האָט שוין איבערגעטראָגען אזעלכע שרעקליכע ליידען, אי לעבען, אי פרייהייט.

זאָל ער געהן!

מיר זענען ניט מחויב זיין גערעכט, צאָהלען יעדען מדה כנגד מדה, אויסגלייכען דיסאָנאַנסען.

וואָס איז דער אומגליק, אז די און יענע פערברעכער

וועלן בלייבן אונבעשטראָפט? און זידט דאָס פערגאָ־
סענע בלוט און פאָדערט נקמה, וועט עס זיך אָבקיהלען.

זידט ניט.

א ביבלישע מליצה!

יא, איך וואָלט איהם פערציהען, ווי אַלע פערברעכער.

זיי זענען דאָך אונזערע לייבליכע ברידער.

ניט געשראָקען זיך! ניט געוואונדערט זיך! מיר אַלע זענען אין־זיך־פערשלאָסענע, איינגעהאַלטענע, בע־האַלטענע פערברעכער און שפּרינגט ווער ארויס, ברעכט די צוימען — טו צו וואָס זיין גרוייזאם, נעהמען נקמה פאר — א ו נ ז ע ר ע זינד?

העלפען וועט'ס דאָך ניט! שלעכט איז דעם מענ־שען'ס הארץ און קיינע שטראָפען וועלען ניט אָבהאַלטען די פערברעכערישע האנד, סיידען א ביסעל גוטסקייט אונ־ערוואַרטעטע.

די זידליכע דזשענטעלמענען האָבען געטהון דעם ווילען פון דעם געזעץ. אָבער צו וואָס געזעצען?

בעסער אָהן זיי, כ'לעבען.

און צו וואָס טויט־שטראָף — געזעצליכע אָדער אונ־געזעצליכע, עהרליך־פערדינטע אָדער גאַנץ־אונפערדינטע?

אַן עקעלהאַפטע אינסטיטוציאָן — טויט־שטראָף; וויל ניט אזא.

עפּעס קליגערס, מילדערס.

און צו וואָס — טויט? נאָך א מיאוס'ערע אינ־סטיטוציאָן!

נעהרטע פאָרזעהונג, האָט איהר ניט קיין לייכטערע, זיסערע, ערטרעגליכערע מתנות פאר אונז, אָרימע שטערב־ליכע?

ניין, איהר זייט גאַנץ אונאַנשטענדיג.

טויט גאָר! אזא שווערער, ניט געלונגענער, קאָלאָסאַ־לער דייטשער וויץ.

עפּעס פראַנצויזישערעס, דעליקאַטערעס, נארישע פאָר־זעהונג!

זיי פיינער, דעליקאַטער! הערסט?

איך קען, מעג זיין פיינער, פארוואס ניט דו? נעם זיך פון מיר, נארעלע, אראב מוסר, אדער איך וועל דיך פערשפייען מיט די טרערען פון מיין פעראכטונג.

נאר געה טומעל! אז קיין פארזעהונג איז גאר ניטא און מיר מענשען זענען פערלאזענע קינדער, גרוויזאמע, שלעכט־ערצויגענע, פערדארבענע קינדער.

אזעלכע שלעכטע!

פיהרען זיך, ווי שררות אדער נאפאלעאן'ען אדער מאטעמאטישע קערפער אין ריכטער־טאגען.

און ווייסט איהר, וואס איז דאס שרעקליכסטע אין דער טראגישער געשיכטע?

דער אונגליקליכער אליין: ז י י ן שטייפע, פער־עקשנ'טע פאזע.

און די גוטע, עהרליכע, מוטיגע, געמיטליכע, זידליכע דזשענטעלמענען: זיי אויך!

האט ער דאך געוואלט לעבען, טו וואס האט ער ניט געזאגט קיין ליגען: איך בין דער רוצח; אבער — מחילה!

געדארפט פאלען זיי צו די פיס און שרייען: איך בין א קינדער־פערגוואלטיגער, אבער כ'האב א גוטע מוטער, א שעהנע, יונגע פרוי און קרובים און א קאריערע, און לעבען איז גוט, און איהר, מוטיגע דזשענטעלמענען, האט דאך אויך מוטער, פרוי, קינדער און א קאריערע אדער פראפעסיאן, און איך וועל שוין איצט זיין א גוטער, קיין קליינע מיידלעך ניט ריהרען — אבער איהר לאזט אייער זינדיגען ברודער לעבען.

און האט דער א י ד י ש ע ר מענש געפאדרעט נור רעכט און געגאנגען בעסער צום טויט, אבער ניט ערניד־ריגט זיך, טו וואס האבען די ק ר י ס ט ל י כ ע ריכ־טער זיינע — די גוטע, עהרליכע, מוטיגע מענשען — ניט געכאפט זיך, אז דאס ארימע, קליינע מיידעל איז שוין אינ'ם ליכטיגען גן־עדן, און לעבען לעבט דאך יעדער נור איינמאל, און ניט געוואלט טרינקען פונ'ם שרעקליכען בעכער האט דער נעטליכער יעזוס אליין, און וואויל איז

דעם מענשען, וואָס איז מוחל אַ פערברעכער און לייט־זעליגט אַן אונגליקליכען, וואָס האָט שוין קיין שום האָפ־נונג ניט?

דאָס עקשנות׳דיגע, בייזע האַרץ.

דאָס נאָך בלוט לעכצענדע, קאַלטע געזעץ.

עקעל!

XIV

ניט פערבונדענע געדאַנקען, אינטואיציאָנען, אויסרופען און אויסרוף־צייכענס — אַ סך־הכל פון אַ פּאָר הונדערט שורות, וואָס זענען אויגעשריבען מיט'ן איינציגען צוועק, אויפצוהויבען אַ קול צו גונסטען פון פרויען־גלייכבערעכטיגונג, פון וועלכער ד'אַברוצי האַלט שטאַרק שרייבענדיג דעם פעליעטאָן.

גיט פרויען שטימרעכט און — פאַר וואָס ניט? האָבען זיי ניט געמאָנט, איז זיי ניט געקומען גאָרנישט; אָבער פערלאַנגען זיי — זאָל זיין ניט אַלע, ניט אַזוי לייַדענשאַפטליך — טהוען מיר זייער ווילען. נור ניט זייט אָנגעשטויסען אויפ'ן מיזעראַבלען מענער־געשלעכט!

אַ קאָמישער פּרינציפּ — גלייכהייט. און אַ פאַלשער. ביי זיי איז דאָס זיכער אַ קאַפּריז אַזאַ און אַ שלעכטער סילאָגיזם: איהר מענער מעגט, מעגען מיר אויך! איהר מענער האָט, ווילען מיר אויך! צי איז'ס געשמאַק? אַלץ איינס, עס לעבע די גלייכבערעכטיגונג! איהר הערט? ניט גערעדט אַנטקעגען.

איך הער. עס לעבע!

אַ קאַפּריז! אָבער פאַרוואָס טאַקי ניט בעפרידיגען די קאַפּריזען פון די אָרימע, ליבע בעשעפענישען? זענען קאַפּריזען פון אַ פרוי ווענינער אימפּאָזאַנט, הערליך און מאָראַליש־בינדענד פונ'ם וועלט־בערימטען קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו (וועלכען איך לייקען גאַנץ קאַטעגאָריש אָב) און דעם נאָך בערימטערען, שטאַרק צורעקלאַמירטען און איבערגעשעצטען — בעשטערנטען הימעל, פאַר וועלכע דער גרויסער קעניגסבערגער פילאָסאָף האָט געהאַט אַזא טיפען רעספּעקט? אימפּעראַטיוו, הימעל און — פרויען־קאַפּריזען! בילכער זענען איהרע קאַפּריזען!

ניט פרויען שטימרעכט און אַלע אַנדערע רעכט, וועל־
כע זיי וועלען נור פערלאַנגען און ניט גע׳חקירה׳ט צופיעל
און ניט געפרעגט קשיות.

קיין חכמה ניט!

הויבט איהר אָן פרעגען, איז דאָס אָהן אַ סוף, און קיינער ענטפערט ניט, און מיט אַמאָל ווערט אַלעס זיכערע אַזוי אונזיכער און פון טרוקענער פעסטער ערד ווערט קלעפּיגער, קריכיגער זאַמד. נעמט איהר זיך בעגרינדען עפּעס, פעראיינפאַכען, אַנאַליזירען, ווערט דאָס קינדיש־קלאָרסטע אַזוי פערנעבעלט און דאָס איינפאַכסטע — אונערטרעגליך קאָמפּליצירט. טו פּרואווט בעסער ניט!

אַלעס וויכטיגע אין דיין לעבען, מענש — און וואָס אַרט דיך, אויסער ד י י ן לעבען? — וויל אונמאָטי־ווירט זיין, אונבעגרינדעט בלייבען און ניט הערען זאָלסט דו דעם אייביג־וואַכיגען פערשטאַנד, וואָס איז אַלטווייבע־ריש נייגיריג, האָט ניט קיין ציי הן, קייט און קייט, שפּיי־ענדיג מיט גאַל און אויסאָטמענדיג קעלט!

גיט פרויען וואָס גיכער אַלע רעכט און זאָלען זיי ניט זאָגען, אַז מיר — מענער — זענען שלעכטע, פערדערבען זיי דאָס לעבען — די טיראַנען, די שקלאַפען־הערען!

טהוט תשובה.

בעפרייט די אונצופרידענע אונטערטאַנען אונזערע.

און איהר, אונענדליך־ליבע דאַמען — נעמט אַראָב די קרוין פון אונזערע קעפּ און דעם קאָפּ אויך (צום פער־בייסען!), אָבער נור ניט ציטירען ספּענסער׳ס ביאָלאָגישע עוואָלוציאָן, מיל׳ס פערשקלאַפונג פונ׳ם פרויען־געשלעכט, און די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט שוין לאַנג פּראָקלאַמירט פרייהייט, גלייכהייט און ברי־דערליכקייט (און וואָס אַ וואָרט — אַ ליגען!) און דער עיקר, זייט מיר אַ ביסעל פרעהליכער און אויפגעלעגטער.

איך וויל ניט זיין הערשער. צו פויל, צו עפּיקורעאיש.

איך פערשטעה ניט, פאַרוואָס זענען די געקרוינטע הערען פון אייראָפּאַ און אַנדערע וועלט־טיילען אַזוי שטאַרק פער־ליבט אין זייערע דינאַסטישע פּרעראָגאַטיווען און לאָזען

ניט פריי זייערע אונטערטאַנען. א י ך וואָלט׳ס זיכער געמהון. אונפילאָסאָפישע עזלען!

גיט פרויען שטימרעכט! און האַלט איהר גאַנץ וועניג פונ׳ם טרוקענעם, אונדראַמאַטישען, גאַנץ־אונאַמוזאַנטען פּאָליטישען שפּיל — מאַכט ניט אויס! זאָלען אַנדערע אַמוזירען זיך אויף ז י י ע ר אופן. גלייכבערעכטיגט זענען אַלע מעגליכע פּערווייזלונגען — ליידט דאָך דער מענש מעהר פון אַלע חיות פון כראָנישער לאַנגווייליגע! און וויל יענער מישען זיך אין שטאָדט־און־שטאַאַט־פּאָליטיק, זאָל ער, א י ך מיש זיך ניט.

זיים טאָלעראַנט.

סקעפּטיש.

זעהר־קלוגע מענשען זענען טאָלעראַנט און סקעפּטיש. אַזאַ איינער איז זייער רענאַן. אָרים פראַנקרייך! מ י י ן פראַנקרייך, מ י י ן רענאַן!

גיט פרויען שטימרעכט און זאָלען זיי האָבען אַ מעגליכקייט צו זאָגען אַ דעה. די נאַאיווע מיינען, אַז מ י ר האָבען אַ דעה און ווילען זיין צו לייטען גלייך (און די לייט זענען מ י ר. אַ פּאַקט. זיי שפּאַסען ניט). פערגינט זיי און זייט רוהיג! זיי וועלען אייך גיך מוחל זיין דעם כבוד און האָס פערגניגען. יעדער איינער דורשט נאָך פרייהייטען, און האָט ער זיי, ריהרט ער זיך צו זיי ניט צו. באַלאַסט. די אויגען ווייגען זיך אויס מענשען נאָך דער גרויסער געלעגענהייט; און איז זי געקומען, קוקט איהר זיך ניט אום אויף איהר. מיר ווילען ניט זיין פריי, נור מיר ווילען האָבען די אילוזיאָן פון פרייהייט.

איז די טיר פערמאַכט, שרייט אונזער איינער: פּאַטאַל! די בלינדע וואַנד! און עפענט זי זיך אַליין, האָבענדיג געוואָרט יאָהרען אויף מ י ר און נור אויף מיר, פערקלאַפּ איך האַסטיג מיט אייגענע הענד די טיר, שפּרינג אַרויס אין גאַס און בעהאַלט זיך, ווי אַ גנב, אינ׳ם דערבייאיגען הויז, און די גרויסע, ווייסע פּריזד (אַ ווייסע איז זי — ער האָט געטראָפען, אונזער גוטער, נעבעלהאַפּ־

טער מאַני לייב) לויפט פאַרביי און פאַרשווינדט ניט צום ווידערזעהן.

די קליינע איראָניען פונ'ם לעבען. אזוי זאָגט טהאָמאַס האַרדי — אַן אומגעוועהנליך־טרויעריגער מענש, וועלכען ס'איז געזינטער ניט צו הערען.

גאָט מיינער. ס'אַרא שרעקליכע מענשען דרעהען זיך אַרום אויף דער וועלט!

גיט פרויען שטימרעכט. אָבער ריהרט ניט אָן די אַלטע היסטאָרישע דאַמען־פּריווילעגיען: די קלענערע און גרעסערע. ניט זייט צו קאָנסעקווענט; גלייכהייט איז אין ווידערשפּרוך מיט פּריווילעגיען. אָבער ווער האָט עס בעוויזען אָבצולעבען אַ טאָג אָהן די שרעקליכסטע ווידערשפּרוכען?

גלייכבערעכטיגונג וויל די פרוי, אָבער פון איהרע דאַמען־פּריווילעגיען וועט זי זיך ניט אָבזאָגען. אַן אונמעגליך אָפּפער! זיין אַ דאַמע וויל יעדע פרוי, אָדער האָבען אַן אילוזיאָן, אַז זי איז אַ דאַמע. ניט צושטערט אילוזיאָנען!

זייט ריטערליך אויך צו דער בעפּרייטער פרוי: איהר זייט די שטאַרקערע. דאָס פערפליכטעט. און פאַרוואָס זאָלען ז י י ניט זיצען אָנשטאָט אונז אינ'ם „על" אָדער טראַם — מ י ר וועלען אַ ביסעל שטעהן, קיין אומגליק. זאָלען זיי שפּרינגען איבער די זומער־בערג, בערעדען שכנות, עסען שאָקאָלאַט, וויגען זיך שטונדענלאַנג, אַרומגעהן פערבענקטע איבער די גאַסען פוצענדיג זיך, פערפוצטע, זיך דינגען און קויפען נויטיגע און אומנויטיגע זאַכען, אַריינקוקענדיג אין די טייערע וויטרינען — און מ י ר וועלען טהון די שווערע אַרבייט, די שטאַרקערע. טו לאָזט זיי אַלע זייערע דאַמען־פּריווילעגיען. דען ווי טרויעריג זענען די גאַסען אין אַ רעגענדיגען טאָג, און וואָס איז אונזער בליי־שווער לעבען אָהן די זוניגע וואונדער־בעשעפּענישען, וואָס טרייסטען און פייניגען?

ניט די אָרימע אַלע פּאָליטישע רעכט און זאָלען זיי

זיך פרעהען. אַ נצחון. מיר זענען אַ מאַכט. איהר זעהט?

אָבער וואָס איז די פרייד? דעם שונא האָט איהר ניט איינגענומען, און דער שונא איז — איהר ליעב. דער אונרוהיגער, אייביג־אונרוהיגער ליעב.

קאָליזיאָנען פון לייבער און שיקזאַלען.

קאַטאַסטראָפע.

רעכט — אַזוי ניט וויכטיג!

אַלע רעכט האָט איהר געגעבען איהר. אָבער צי מעג זי טאַקי, צי קען זי זיך ערלויבען אַלעס, עפּעס — ווער איז זי?

האָסטו פון דער פּולקייט פון דיין הארצען גענומען אַלע רעכט, ביזט דו געזעץ־געבער, די רעכטס־נאַרם און מיט גוטען רעכט; אָבער האָט מען דיר אונטערגעטראָגען אַ קייזער־קרוין, וואָס האָסט דו פון איהר, אָרימער וואַסער־טרעגער, ביזט דו דען אַ קעניג, פון ערעלען בלוט?

איהר האָט איהר רעכט געגעבען, אָבער איז זי גע־רעכטפערטיגט אין איהרע אויגען, אין איהרע אייגענע אויגען? זי איז אינסטינקט אָדער אונזין.

און ווילסט דו זיין גוט און טריפסט אריין אין איהר שטענדיג אָפענעם מויל דעם האָניג פון דיין ווייבען האַרץ און די פערליבטע לעפצען, איז איהר ניט זיס. איהר אייביגער טרויער!

ניט פרויען רעכט — מעגליכע און אונמעגליכע! טרייסט דאָס געשטראָפטע, אומגליקליכע בעשעפעניש!

XV

Excelsior!

צום האָטעל אַסטאָר!

מיר האָבען זיך אפילו ניט געוואָלט אומקוקען אויף דער האָטעל־אַסטאָר קאָנפערענץ.

יאַהודים.

גאַנץ איבריגע בעשעפענישען אויף דער וועלט און ווי אונדעמאָקראַטיש: לאָזען ניט אַריין קיין פערטרעטער פון דער פרעסע, האָבען פיינד דייטשלאַנד, די היים־געליבטע פונ'ם אידישען פראָלעטאַריאַט, ציטערען, פרעגען זיך אַלץ אָן: וואָס זאָגען די שכנים?

אוזורפאַטאָרען: יאַהודים.

אָבער מ י ר זענען דאָס פאָלק, דאָס אמת'ע פאָלק. נעהען אין קאַמף אָהן שרעק און מורא, ווי אמת'ע מאַקאַבייער. האָט ביסמאַרק נאָך געשראָקען זיך פאַר'ן אויבערשטען, איז ער אַ נאַר. (מיטאָלאָגיע! פריצ'ישע אידעאָלאָגיע!) אָבער מיר זענען אונערשראָקען און קריכען מיר אויף אַלע פיער און לעקען דעם הינטערשטען חלק פונ'ם פראָלעטאַריאַט, איז דאָך דאָס ע ר אַליין, דער פראָלעטאַריאַט. אַ מצוה! אַן עהרע!

און מיך האָט דוקא פעראינטערעסירט דער האָטעל־אַסטאָר פיקניק פון אונזערע שטאַרק־אַמעריקאַניזירטע גלויבענס־גענאָסען און גאָרניט געריהרט די שטימע פון אונזערע פראָלעטאַרישע מאַסען: דרשות, רעדען, רעפעראַטען, פייערליכע בעגריסונגען, ריהרענדע פערברידערונגס־ סכעמען, געניאַלע רעזאָלוציאָנען, פירושים און פלפולים. און דער זין: געוואונען האָבען מיר! איהר הערט: מיר (שטעלען אַרויס אַ צונג).

אין האָטעל אַסטאָר האָבען מענשען גערעדט וועגען אייגענע ב ל ו ט י ג ע אינטערעסען און אונזערע מאַ־

יאָריטעטען, מינאָריטעטען, קאָמפּראָמיסען און פּאָליטיק זענען שפּינוועבס, ספּאָרט און לאַנגווייליג.

בראַנדייס, לואיס מאַרשאַל.

ענדליך פּנים'ער. אַ מ ע ר י ק אַ נ י ש ע פּנים'ער.

ענדליך אַן אָנהויב; אַלעם פריהערדיגע איז געווען אַ געשמאַקלאָז פאַרשפּייז.

אגב, מוז איך זיך מודה זיין, אַז בראַנדייס געפעלט מיר ניט שטאַרק, אָבער גאָרניט.

אַ געזינונגס־גענאָסע מיינער, אַזוי צו זאָגען. וויל רופען אַ קאָנגרעס — גאַנץ לאָגיש! נעמען אונזער אַלט פאטערלאַנד — אַ פיינער, אונגעוועהנליכער עקס־פּערימענט! און האָט אַ גרויסען נאָמען, יחוס — זעהר שעהן! אָבער וואָס איז ער אַזוי פּעריאָדיש־רוהיג (אַ צווייטער ווילסאָן!), אַזוי איבערנאַטירליך־איבערצייי־גענד, אַזוי לעדערען־אַדוואָקאַטיש?

יאָ — אַ דזשענטעלמען, מיר פערשטעהען. אַי לעבּין איך נאָך אַ אידישען דזשענטעלמענטום, אַ מדרגה אַ גרויסע, אָבער — !...

העכער, בעסער זיין איז אויפגערעגט און אַלגעמיין־מענשליך, ווי לואיס מאַרשאַל, סענסאַציאָנעל, ווי נאָכ־מיטאָגדיגע אידישע צייטונג, טומעלדיג, ווי אַ שלעכט־ערצויגען קינד, לעבערליך, ווי מיין הויך־געשעצטע פער־זענליכקייט (אַ וויץ!) און ניט אַזוי טוגענדהאַפט־רוימיש און יורידיש־אימפּאָזאַנט.

ניט אומזיסט האָבען זיי אין מיטעלאַלטער געהאַט אַ פיין ווערטעל: יוריסטען זענען שלעכטע קריסטען.

אַ באַרבאַרישע צייט — דאָס מיטעלאַלטער, אַ יאָ, גענאָסע ש. יאַנאָווסקי?

און צוריק גערעדט איז דער יאהודי מאַרשאַל ניט אין גאַנצען אומגערעכט.

נו איז אונזער פּרעסע ניט אונפערשעמט טייטשיש?

און אונזערע רעדעל־פיהרער — ניט יונגוואַרג און גרינוואַרג, וואָס האָט אַזוי פיל פערגעסען און כמעט גאָר־נישט געלערנט?

זיכער איז א קאנגרעס נויטיג, אבער וועט איהר ארויפלאזען אויף דער טריבונע דעם אונערמידליכען פא־לעסטינא־פרעסער ליטוואק'ען? דעם פערטייטשטען דר. ש. מלמד? אדער זיינע קאלעגען פון „ווארהייט“, וואס אנעקסירען ליליפוט'ס דייטשע פראווינצען, מאכען א תל פון אלע שונאים פון דייטשענטום און ערקלערען פייערליך יעדען אידען, וואס בעקעמפט ניט רוסלאנד ביי יעדער געלעגענהייט, פאר א פייגלינג און פערעטער?

בין איך, הייסט עס, אויך א פערעטער, א פייגלינג? ניט צום הארצען גענומען, ד'אברוצי! גוטע יונגען, נור — לייכטזיניגע, און דאך, זיי קענען טהון שאדען.

אידען דארפען זיך היטען, זיין פארזיכטיג — גע־רעכט, יאהודי! און דאך זענען מיר די אלע מארשאלם צו אמעריקאניש, צו פאסטאראל, צו פאסטאריש.

ניט מיינע מענשען.

ווילד־פרעמדע.

מערידיאנען — ווייטע, ווי דר. פייטעלאוויטש'עס עטהיאפישע אידען אדער דער ניו־יארקער ערל מיט'ן לענגסטען פסעוודאנים, אידיאמאטישסטען אידיש, און גרויסער ליבע צו סטאטיסטיק, פאלעמיק, פאפולאריזא־ציאן, קאראלענקא, דר. שטאקמאן און פראפעסאר הור־וויטש.

אן אינטערעסאנטע פערזענליכקייט, נור א ביסעל א פריצ'יש־אלטמאדישע.

א קליין ביסעל, ווי עס דריקט זיך אוים דער אויטאר פון די „ווילדע רויזען“, וואס זענען גאר קיין פערשייטע רויזען ניט, נור אראבעסקען פון א גימנאזיסטען־פאנטא־זיע, אדער נאך ריכטיגער: פיין־סטיליזירטע, שטארק־קאנדענסירטע טיף־אידישע געדאנקען־קווייטען, דאס ליטערארישסטע, קאלטסטע, גראמאטיקאלישסטע שטיקעל ארבייט, וואס איז ערשינען פאר די לעצטע דרייסיג יאהר אין אונזער אונגראמאטיקאלישער, גאנץ־אונליטערארישער אידישער שפראך.

און איז ניט אן אינטערעסאנטע קליינינקייט דאס,

וואָס לואיס מאַרשאַל וויל ניט דערצערנען זיינע אַמעריקאַנער שכנים, קוקט זיי אין די אויגען און אין די צייהן, און איך, וואָס איך האָב פאַר אַלעמען אין דער וועלט מורא, לאַך פון די שכנים, בין אַזוי מוטיג, אַזוי אונערשראָקען.

איך זאָג: מיר געפעלט ניט דער היסטאָרישער שמעלץ־טאָפּ: אַ מיאוס׳ע אינסטיטוציאָן.

אַמעריקאַ — פּע! און האָט ניט קיין טעות, מיינע געעהרטע יענקים. זיץ איך אין אייערע שטאַאטען, קען איך זיי כמעט ניט אָנקוקען און איהר מעגט טהון מיט מיר, וואָס איהר ווילט!

און ווי זאָל איך ציטערען, ווי ל. מאַרשאַל, אַז איך האָב ניט זיינע גרויסע פערדינסטען און קיין אָרט און ראַנג און פּערספּעקטיווען, און דרעה זיך גלאַט אַרום אָהן אַ בעשטימטער ריכטונג, ציעל, צוועק און אינטערעס, האָבענדיג אַ גוטע געוואוינהייט צו דאַנקען גוטע מענשען (דאַמען אריינגערעכענט) פאַר אַ הייסען האַנד־דרוק, אַ קליינע הלואה, און זיסען טרייסטוואָרט.

טרייסט! ווי שטאַרק אַ מענש זאָל ניט זיין, איז ער נאָר בלוט און פליש, און בלוט ווערט פערקיהלט און פלייש פוילט, און גוט איז דערוואָרימען זיך מיט׳ן ביסעל ווייבערשען מאַלאַגאַ־וויין פון מוטערליכער, טרייסטענדער ליבע, פון וועלכער מנחם שרייבט אַזוי געפיהלפול, אָבער ניט איבערצייגענד, פּאָעטיש — ניט איבערצייגענד.

אָבער וואָס אַרען מיך מנחמ׳ס טרוקענע ליפּען, אַז איך אַליין בין אַ מידער הערבסט־טאָג, וואָס בעפּרוכטעט ניט די פערשלאָפענע, אינערטע ערד און בויען וועלען זיי — אַנדערע — שפּעטערדיגע...

די יאַהודים.

נור וואָס זענען מיר אַלע, די מאַיאָריטעט און מינאָריטעט, פּאָרווערטס־פלעבס און עסטעטישע פיינשמעקער?

גאָר נישט זענען מיר.

אַ פערגאַנגענהייט, וואָס וויל ניט פערשווינדען, אָב־

קלאַנג און שאָטען, עמיגראַציאָן, אויסגעדראָשענע פראַזע, אונמאַכט, רעקוויעם און — לאַנגווײַלע.

און פאַרוואָס זענען מיר אַלע אַזעלכע לאַנגווײַליגע און לאַנגווײַלען אונזערע פרויען, קינדער און געליבטע?

און אַזעלכע פּרעטענציעזע! ווי שטויבלעך פליהען מיר אַרום איבער די חורבות פון אַמאָליגע, שוין פערגעסענע וועלט־אַנשויאונגען, לאָזונגען און פּראָגראַמען און בעוועגונגען און שעמען זיך ניט צו שרייען: מ י ר. איבעריגע — און רוקען זיך. אַ הייזעריגע שטימע און ווילען ניט אַנשוויגען ווערען.

פאַרוואָס טראָגען מיר זיך ניט אָב? מיר זענען ניט קלאַס, ניט נאַציאָן, ניט ברעג, ישוב, רוה, נור אַן אונרו־היגער שוים, געפילדער, זויערע מויד און פערקלאָגטע אויגען. און נאָך עפּעס: מיר זענען אַ שטאַרק־פּאַראַ־זיטישע וועגעטאַציאָן און זיי — די פון־אונז־פערלאַכטע יאַהודים — באָדען, זאַמען, צוקונפט.

ע פּ י ל אָ ג, פערשטאַנען?

טו מוטיגער, פּאָרווערטס פון איסט־בראָדוויי צו... האָטעל אַסטאָר!